Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען | היינט 8 זייטען.

לאדזשער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 302/1597 | Łódź, Czwartek 27 grudnia 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, יד טבת תרפ"ט | Nr. 302/1597

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

קעניג אמאנולאה האט געזיגט.

דער אויפשטאנד אין אפגאניסטאן איז דערשטיקט געווארען.

לאנדאן, 26 (א.וו.) ווי ס'טיילט מיט דער גענעראל-שטאב פון קעניג אמאנולאה, זאל דער אויפשטאנד שוין זיין בעהערשט, צוליב דעם וואס די הויפט-כחות פון די אויפשטענדיגע זענען שוין צוקלאפט.

גלייכצייטיג שטעלט דער קעניג אמאנולאה פעסט, אז ער האט בכלל נישט בדעה צו רעזיגני-רען פון די אונטערגענומענע רעפארמען.

די צוקלאפטע אפטיילונגען פון די צובונטע-ווטע האבען זיך בעהאלטען אין די נישט צוגענג-ליכע בערג, וואו זיי זאמלען זייערע כחות.

הכנות צום אלוועלטליכען רע-ליגיעזען קאנגרעס פאר שלום.

פאריז, 26 (י.ט.א. טעלעגראפיש). דא איז פארגעקומען א זיצונג פון עקזעקוטיוו פון דער אלוועלטליכער רעליגיעזער שלום-קאנפערענץ, וועלכער האט בעשלאסען צו ארגאניזירען אן אל-וועלטליכען קאנגרעס פאר שלום. אין קאנגרעס דארפען זיך בעטייליגען פארשטעהער פון אלע רעליגיעס אין א צאהל פון 1000 פערזאן. ס'איז אויסגעקליבען געווארען א סוב-קאמיסיע, וועלכע דארפט צונויפשטעלען די רשימה פון די 60 פער-טרעטער פון דער יודישער אמונה. אין דער סוב-קאמיסיע זענען אריין: הרב הכולל פון ענגלאנד הערץ, ד"ר סטיפען וויז. צורוס אדלער און סענ. הרב רובינשטיין. דער קאנגרעס וועט פארקומען אין יאהר 1930.

פראצעס געגען יוד. ארבייטער אין ארץ-ישראל.

ירושלים, 26. (יט"א, טעלעגראפיש). דא איז פארגעקומען דער פראצעס פון 3 יודישע אר-בייטסלאזע, וועלכע זענען געווען בעשולדיגט אין אנפיהרען מיט'ן אנפאל אויפ'ן לאנדווירטשאפט-ליכען קאמיטעט אין פתח תקוה. 2 ארבייטער זע-נען פערמשפט געווארען צו 6 חדשים טורמע, 1— אויף 5 טאג ארעסט.

בעקאנטער ארבייטער-טוער אין אמעריקע.

ניו-יארק, 26. (י.ט.א. טעלעגראפיש). אהער איז אנגעקומען דער בעקאנטער יודישער ארבייטער-טוער דוד גראס-בלומענפעלד. ער איז פייערליך אויפגענומען געווארען דורכ'ן ניו-יארקער בירגערמייסטער. בלומענפעלד בעטייליגט זיך אין דער ערעפנונג פון דער געווערקשאפטס-קאנפערענץ פאר'ן ארבייטענדען א"י. בלומענפעלד האט דורך ראדיא געהאלטען א רעדע אויף יודיש.

זעלבסמארד פון א שווינדלער.

דואיסבורג, 26. (ספ. טעל.) א בעאמטער פון דער מלוכה-באנק, וועלכער האט צוגענומען 3600 מארק, איז בעגאנגען זעלבסטמארד בעת דער מיסבריך איז ענטדעקט געווארען.

30 יאהר זייט דער ענטדעקונג פון ראדיום.

דעם 26. דעצעמבער 1998 י. איז דער פרוי קירי-סקלאדאווסקא מיט איהר מאן געלונגען די ענטדעקונג פון ראדיום. די דאזיגע ענטדעקונג, וועלכע האט א גוואלדיגע בעדייטונג און האט געמאכט א רעוואלוציע אין דער וויסענשאפט, איז געוועזען א רעזולטאט פון לאנגער, אפפעראוויליגער ארבייט אין די שווערסטע בעדינגונגען. אין 1903 י. האבען די ענטדעקער צוזאמען מיט'ן פראנצוי-זישען געלערנטען בעקערעל בעקומען דעם נאבעל-פריז. אין 1906 י. איז פיער קירי טראגיש אומ-געקומען. די פרוי האט ווייטער געארבייט און האט אין 1913 י. צום צווייטען מאל בעקומען דעם נאבעל-פריז פאר כעמיע.

צום 30. יאהר-טאג פון דער עפאכאלער ענטדעקונג וועט די גאנצע וועלט בפרט די ווי-סענשאפט וועלט בעגריסען די גרויסע געלערנטע, וואס האט פערשאפט אזוי פיל כבוד איהר פאטער-לאנד — פוילען.

ווידער אנ'ערדציטערניש.

לאנדאן, 26. (א. וו.) די ערד-ציטערניש אין מינדאנאא (פיליפינער אינזלען) האט אנגעמאכט גרויסע שארענס. פיל בנינים זענען איינגע-נעפאלען, מאנכע האלטען ביים איינפאלען.

קיין מענשליכע קרבנות זענען נישט פערהאן, חייל ב יירעם ערשטען אונטערערדישען שטויס האט זיך די בעפעלקערונג אריענטירט אין דער לאגע און האט פערלאזען די הייזער.

געשטארבען דער פיהרער פון דער בני-ברית-בעוועגונג אין אמעריקא שאול הארטמאן.

ניו-יארק. (יט"א) דא איז געשטארבען אין עלטער פון 72 יאהר דער עקזעקוטיוו-מיטגליד פון דער בני-ברית-לאזשע אין ניו-יארק, שאול הארטמאן. דער פערשטארבענער האט אין משך פון 22 יאהר פערנומען לייטענדע פאסטענס אין די בני-ברית-לאזשען.

דער מאלדאווישער מעטראפאליט

בעקעמפט די אנטיסעמיטישע בעוועגונג.

בוקארעשט. (יט"א) דער מעטראפאליט פון מאלדאוויען האט פובליצירט א צירקולאר צו אלע גייסטליכע, אין וועלכען עס ווערט פערבאטען דאס בעטייליגען זיך אין דער קוזיסטישער בעוועגונג, וועלכע ווערט בעצייכענט אלס שענדליך פאר דער מלוכה און דער קריסטליכער רעליגיע.

די 26 פערדינסטפולע אמעריקאנער יודען.

4 קריסטען צווישען די, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע פערדינסטען פאר'ן יודענטום.

ניו-יארק. (יט"א) די יודיש-ענגלישע וואך-ענצייטונג „אמעריקען היברו" האט דורכגעפיהרט אנ'אנקעטע וועגען די פערדינסטען פון בעריהמטע יודען, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייערע פילאנטראפישע און גייסטיגע ארבייט לטובת דעם אמעריקאנער יודענטום און די יודען אין אנדערע לענדער.

דער רעזולטאט פון דער אנקעטע איז א רשימה פון 26 בעריהמטע פערזענליכקייטען צווי-שען זיי 22 יודען און 4 קריסטען.

צווישען די 22 פערדינסטפולע יודען געפינען זיך, צוו. אנדערע: לואי מארשאל, פרוי ראזענ-בלום פון פיטסבורג, נתן שטרויס, דער ארויס-געבער פון „טאג" דוד שאפירא און אנדערע.

די 4 קריסטען, וואס האבען זיך ערוואָרבען רוהם ביי יודען זענען: דער יונגער ראקפעלער, וועלכער האט לעצטענס נעגעבען 500,000 דאלאר פאר דער יודישער קאלאניזאציע אין רוסלאנד, און 50,000 פאר דער יודישער פילאנטראפישער געזעל-שאפט אין ניו-יארק, דער ארכיטעקט נרעם, פרע-זידענט פון דער „געזעלשאפט צו בעקעמפען רעד ליגיעזע שנאה", דער פראטעסטאנטישער גלח, איינסלי פון באלטימאר, און דער קאטוילישער גלח אלבערט סמיט. ביידע גלחים זענען טעטיג אין דער בעוועגונג צו שאפען א הסכם צווישען די אנהענגער פון פערשידענע רעליגיעס.

ביילייד.

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס אונזער פריינדין **יטא שטיינבאך** צוליב'ן טויט פון איהר הייסגעליבטער

ג. ע. מוטער.

זייט געטרייסט! **רוזשא ראבינאוויטש** און **פינקוס ווינטרויב.**

קאנפעקציאנערען-פערבאנד

לאדז, קאנסטאנטינער 10.

מיר מאכען בעקאנט אלע אונזערע מיטגלידער, אז מיר נעהמען אן

איינצאהלונגען אויף פאטענטען פאר'ן יאהר 1929

די איינצאהלונגען נעמט אן דער סעקרעטאריאט אין די ביורא-שעה'ן פון 8–10 אין אוונד.

צוליב דער קורצער צייט, בעטען מיר צו קומען וואס פריהער. 3381

Zrozpaczonej **RODZINIE** z powodu zgonu Ich naj-droższej córki

b. p. SALI FRENKLÓWNY

składają tą drogą wyrazy szczerego współczucia byli Jej Koledzy:

J. Gutman, S. Rozenblum,
A. Holcman, D. Rozenman,
M. Luksenberg, B. Woliński.

3382

א גליקליכע רייזע

אין אלדאס גוטס ווינשען מיר

חנה זילבערבערג

צו איהר אפפאהרען נאך בעלגיען.

פאמיליע טענענבוים. 3384

היינט, דאנערשטאג, דעם 27. דעצעמבער ד. י. 12 א זייגער מיטאג, צו דער 2-טער יאהרצייט פון מיין ליבען ברודער און שוואגער

נ"ע **אליעזר ברויז** מאר"ן ישראל

קומט פאר אויפ'ן בית החיים א הזכרה, צו וועלכע אלע קרובים און בעקאנטע ווערען געבעטען צו קומען.

אהרן ברויז און פרוי. 3385

מיין חבר **צבי רינגארט** צוליבן טויט פון זיין

פאטער

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

יאנאס מילווערגער.

דער אנטיסעמיטיזם אין ווייסרוסלאנד.

די אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישען דער שול-יוגענד. — די „טאָלעראַנץ" פון די לעהרער. — די אַקציע געגען די אַנטיסעמיטען אין די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען.

מינסק. (יט"א) דער קאָרעספּאָנדענט פון דער יודישער טעלעגראַפען־אַגענטור, וועלכער רייזט איצט אַרום איבער ווייסרוסלאַנד, האָט פערצייכענט אַ רייה נייע פאַקטען פון אנטיסעמיטיזם צווישען דער שול־יוגענד און לעהרערשאַפט. אין מינסקער געריכט פאַר מינדעריעהריגע איז די טעג פאָרגעקומען דער פּראָצעס פון שילער גאַנטשערענקאָ, וועלכער האָט געשלאָגען זיינע יודישע חברים און גערופען זיי „זשיד". בעת'ן פּראָצעס האָבען אַ רייה ווייסרוסישע שילער, וואָס זענען אַרויסגערופען געוואָרען אַלס עדות, ערקלערט אַז אויב גאַנטשארענקאָ איז אַן אַנטיסעמיט, זענען זיי אויך אַנטיסעמיטען. אין פערלויף פון פּראָצעס זענען אויך ענטפּלעקט געוואָרען די אַנטיסעמיטישע שטימונגען צווישען דער לעהרערשאַפט. לויט'ן אורטייל פון געריכט איז גאַנטשאַרענקאָ בעזייטיגט געוואָרען פון דער שול.

אַן ענליכער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין טאַטקאָוויטש, וואו אַ 17־יעהריגער שילער האָט אויסגערופען: „הרגעט אַלע יודען"! דער לעהרער־ראַט האָט אָבער בעטראַכט די ראָזיגע האַנדלונג פאַר אַ שפּאַס. אין דער זעלבער שול האָט אַ שילער אָנגערופען אַ געוויסע לעהרערין „זשיראָווקא" אין דער אַנוועזענהייט פון שול־אינספּעקטאָר. ווען מען האָט וועגען דעם אָנגעפרעגט דעם שול־אינספּעקטאָר, האָט דער לעצטער געענטפערט, אַז ער דערמאָנט זיך נישט דעם אויסרוף, ווייל ענליכע אויסרופען איז ער געוואוינט אָפט צו הערען. דער שול־אינספּעקטאָר האָט אויך וועגען דעם ענין נישט געוואָלט אינטערווענירען, בעטראַכטענדיג די דאָזיגע פאַקטען אַלס קינדערישע שפּאַסערייען. 2 לעהרער קאָמוניסטען האָבען זיך בעמיהט צו פערטושען די פאַקטען פון אַנטיסעמיטיזם.

אין באָברויסק איז שוין פערענדיגט געוואָרען די אויספאָרשונג געגען 6 אַרבייטער פון אַ ציגעל־פאַבריק, וואָס ווערען בעשולדיגט אין אַנטיסעמיטיזם. דער פּראָצעס וועט פאָרקומען די טעג.

דער רעדנעהרונג־פעראיין אין מאָהילעוו האָט אויסגעשלאָסען איינינע מיטגלידער פאַר אַנטיסעמיטישע טעמים.

———:0:———

צוויי יודישע יונגעלייט פון ליטע,

וואָס געהען אַרום צופוס די גאַנצע וועלט אָנגעקומען קיין ניו-יאָרק.

ניו-יאָרק. (י.ט.א.) דאָ זענען אָנגעקומען צוויי יונגעלייט, די ברידער נתן און זונדעל רובין פון קאָוונע, וועלכע זענען אויסגעקליבען געוואָרען פון דעם ספּאָרט-פעראיין „בר-כוכבא" אַרומצוגעהען צופוס די גאַנצע וועלט אין פינף יאָהר צייט.

די ברידער רובין האָבען אָנגעהויבען זייער מאַרשרוט דעם 22-טען סעפּטעמבער 1927, און זייט דאַן זענען זיי אַרומגעגאַנגען צופוס, לעטלאַנד, עסטלאַנד, פינלאַנד, סאָוויעט-רוסלאַנד, איטאַליען, פּ אַנקרייך, בעלגיען און האָלאַנד פון דאָרט זענען זיי צוריקגעגאַנגען קיין אַנטווערפען, בעלגיען, פון וואַנען זיי זענען אָפּגעפאָהרען מיט דער פּראַכט-שיף „פּאַטאַגאָניא" קיין אַמעריקאַ.

אין ניו-יאָרק זענען זיי אויפגענומען געוואָרען דורך די פאָרשטעהער פון „היאַס". אַלס ספּאָרט־לייט, האָט מען זיי גלייך אַרונטערגעלאָזט פון שיף און נישט געמאַכט זיי קיין שום שוועריגקייטען.

פון ניו-יאָרק זענען די ספּאָרטס-לייט אַוועקגעגאַנגען צופוס קיין מעקסיקאָ און פון דאָרטען קיין בראַזיליען, כינע, יאַפּאַן, אויסטראַליען, אַפריקע, ארץ-ישראל, און פון דאָרט צוריק אין דער ליטע, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

די צוויי יונגעלייט האָפען צו קריגען אַ פּריז פון 15 טויזענד דאָלאַר, ווען זיי וועלען זיך צוריקקעהרען נאָך זייער פינף-יעהריגער פוס-רייזע.

געוואַלט אויספיהרען אַ מאָרד

און געקוילעט זיין אייגענע טאָכטער.

כאָדאָראָוו, 26 (ספּ. טעל.) אין דאָרף לעשטשין ביים שטעטעל סקאַנאָווע האָט אַ פויערטע דערהאַלטען פון אַמעריקאַ פון איהר מאַן 100 דאָלאַר. זי האָט געשיקט איהר טאָכטער קיין כאָדאָראָוו אויף דער פּאָסט אָפּנעהמען דאָס געלד. די טאָכטער האָט דערווייל אָפּגעטרעטען אין דאָרף האָראָדטשע ביי איהרס אַ פעטער און האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם געלד. דער פעטער איז מיט איהר מיטגעגאַנגען קיין כאָדאָראָוו וואו מען האָט אָפּגענומען דאָס געלד. דאָס מיידעל איז מיט דעם פעטער צוריקגעגאַנגען. אַזוי ווי ס'איז שוין געווען נאַכט, האָט דער פעטער זי צוגערעדט זי זאָל נעכטיגען ביי איהר פעטער.

דער פעטער האָט געלעגט די פּלעמעניצע צוזאַמען מיט זיין טאָכטער.

ווען אַלע זענען געשלאָפען, האָט ער זיך בעראַטען מיט'ן ווייב, צו דערהרג'ענען די פּלעמעניצע. די מוהמע האָט מסכים געווען. ווען מען איז געגאַנגען זוכען אַ קאָסע, האָט די פרעמדע שיקסע, וועלכע האָט אַלעס געהערט זיך געביטען מיט דעם פויערס טאָכטער און האָט זיך געלעגט ביי דער וואַנד און דעם פויערס טאָכטער איז אויסגעקומען פון פאָרענט.

באַלד איז אַריינגעקומען דער פויער מיט דער קאָסע און געקוילעט די, וועלכע איז געלעגען פון פאָרענט. דאָס איז געווען זיין אייגענע טאָכטער.

דער פויער מיט זיין ווייב האָבען די דערהרג'עטע תיכף אַרויסגעטראָגען, און די פרעמדע איז באַלד אַרויס און געלאָפען אויפ'ן פּאָסטערונעק. ווען דער פויער איז צוריק געקומען אין שטוב און אויפ'ן געלעגער קיינעם נישט געטראָפען האָט ער זיך נאָכאַמאָל אומגעקוקט צו דער געקוילעטער און ערשט דערזעהען דעם טעות, וואָס ער האָט געהאַט. ער איז באַלד אַנטלאָפען. אויך זיין ווייב איז אַנטלאָפען. די פּאָליציי האָט זי געכאַפּט אין פעלד. דעם פויער איז דערווייל נאָכנישט געלונגען צו כאַפּען.

———=:§:=———

געשלאָסען אַ פּויליש-לעטישען באַהן-אָפּמאַך.

ריגא, 25. (ספּ. טעל.) דאָ איז אונטערגעשריבען געוואָרען דער פּויליש־לעטישער באַהן־אָפּמאַך. די אונטערהאַנדלונגען אַרום דעם אָפּמאַך האָבען געדויערט 2 חדשים דאָס לעטישע באַהן־מיניסטעריום האָט איינגעאָרדענט אַ באַנקעט לכבוד דער פּוילישער דעלעגאַציע.

דער איטאַליענישער קריג-פיהרער, וואָס איז איצט געשטאָרבען אין עלטער פון 78 יאָהר.

די צוויי גענעראַלישע קריג-פיהרער קאַדאָרנאַ און העצענדאָרף האָבען געלעבט אין דער בעסטער פריינדשאַפט.

אין באָרדיגהעראָ איז געשטאָרבען דער איטאַליענישער אָבער-קאָמאַנדיר אין דער וועלט-מלחמה גראַף קאַדאָרנאַ.

קאַדאָרנאַ איז שוין פאַר דער וועלט מלחמה געווען אַ בעריהמטע מיליטערישע פּערזענליכקייט אין איטאַליען. פון אָנהויב פון דער וועלט-מלחמה מיט עסטרייך ביז 1917 איז קאַדאָרנאַ געווען דער אויבערשטער בעפעהלסהאַבער פון דער איטאַליענישער אַרמעע. ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס שטאַרקער, גלייכער געגנער אַקעגענאיבער קאָנראַד פאָן העצענדאָרף — דעם עסטרייכישען גענעראַל-שטאַבס-שעף און דאָס האָט זיך קלאָר אַרויסגעשטעלט אין די קאַמפען ביי די איזאָנצאָ שלאַכטען.

ווען די וועלט-מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען איז קאַדאָרנאַ געווען שעף פון איטאַליענישען גענעראַל-שטאַב. ער איז געווען אַ געגנער פון עסטרייך-אונגאַרן און האָט געהערט צו יענעם קרייז, וואָס האָבען געאַרבייט דערפאַר, אַז איטאַליען זאָל אָנהויבען די מלחמה מיט עסטרייך. ער איז געווען איבערצייגט, אַז איטאַליען, וועט פריהער אָדער שפּעטער, מוזען פיהרען אַ מלחמה מיט עסטרייך און האָט איצט געפונען אַ שעת-הכושר דערצו.

קאַדאָרנאַ, וואָס איז געווען אַ בעריהמטער סאָלדאַט, האָט אין דער גאַנצער קריגס-צייט קיין מזל נישט געהאַט. אין עלף שלאַכטען ביי איזאָנצאָ איז איהם קוים געלונגען געריק צו דעראָבערן. אָבער ערפאָלגען אויפווייזען האָט ער נישט געקאָנט. די מעלה איז געווען וואָס ער האָט נישט פערלוירען דעם מוט און די האָפנונג. אַזוי איז איהם געלונגען אין פריהלינג פון יאָהר 1916 אויפצוהאַלטען דעם פאָרשטויס פון די עסטרייכער געגען דרום-טיראָל. אין דער צוועלפטער איזאָנצאָ-שלאַכט איז זיין לאַגע זעהר קריטיש געווען, און דאָס, וואָס איז איהם ווי דורך אַ נס יאָ געלונגען איז געווען, וואָס ער האָט זיך גאָך צו דער צייט בעקאָנט צוריקציהען אונטער דער פּיאַווע.

קאַדאָרנאַ איז אין יאָהר 1917 געפאַלען אין אומגנאַד פון דער אַרמעע און קעניג און איז פּענסיאָנירט געוואָרען. דאָס האָט איהם זעהר וועה געטהון. ער איז ערשט אין יאָהר 1924 פון דעם פאַשיסטישען רעזשים רעהאַביליטירט געוואָרען.

ווען ער איז געפאַלען אין אומגנאָד, האָט די בעפעלקערונג פערלאַנגט, אַז ער זאָל דעגראַדירט ווערען, מען זאָל ביי איהם אַוועקנעהמען אַלע אָרדענס. מען האָט אָבער נישט געוואָלט דערצעהלען דער וועלט, וואָס עס טוט זיך הינטער די קוליסען.

אַ שטאַרקע בעגענזייטיגע סימפּאַטיע האָט געהערשט צווישען קאַדאָרנאַ און קאָנראַד פאָן העצענדאָרף. נאָך דעם צוזאַמענבּרוך האָט קאָנראַד פאָן העצענדאָרף געלעבט צוריקגעצויגען אין אינסבּרוק. ווי בעקאַנט האָט די אַנטאַנט פערלאַנגט, אַז מען זאָל איהר אויסליפערן די אַרמעע-פיהרער פון די צענטראַל מלוכות. דעמאָלט האָבען די טרופּען פון איטאַליען בעזעצט טיראָל — אונטער דער פיהרונג פון דעם גענעראַל שטאַבּ-מאַיאָר, קאַדאָרנאַ, אַ זוהן פון גענעראַל קאַדאָרנאַ, און די ערשטע טאַט פון דעם יונגען קאַדאָרנאַ איז געווען זיך צו מעלדען ביים פעלדמאַרשאַל קאָנראַד פאָן העצענדאָרף און האָט איהם איבערגעבראַכט די וואַרעמסטע גרוסען פון זיין פאָטער, גענעראַל קאַדאָרנאַ. ער האָט ערקלערט, אויב די אַנטאַנט וועט פערלאַנגען די אויסליפערונג פון קאָנראַד, מעג ער קומען קיין איטאַליען, וואו די איטאַליענישע בעפעלקערונג וועט איהם עהרען און שיצען.

Dr. med. J. LUBICZ
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46
קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער.
אייגענע פּראַקטיק פון ...
... הייל-גימנאַסטיק אויף ...
ליכט פּים, נאַטירליכע א. ז. ה.
עמפּפאַנגט פון 5—7 אין אָוונט.

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאַן און א. קאָמפּאַניעץ.
מיט'ן אָנטייל פון די ליבלינגס-אַרטיסטען: באַריסאָווא, ראַבינאָוויטש און די בעקאַנטע פּרימאַדאָנאַ נאַדיא קאַרעני
פרייטאָג, דעם 28-טען, 9 אַ זייגער אָוונט צום 5-טען מאָל
„הערצער צו פערקויפען"
אין 4 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג פון בעוו. שרייבער ל. מלאך, רעזשיסירט פון י. ראַקאָוו.
מוזיק צו דער פּיעסע ספּעציעל געשריבען פון ל. זעלמאַן.
ספּעציעלע טענץ, אויסגעפ. פון בעוואוסטען טענצער מיעטשיסלאַוו קורקאָווסקי.
שבת, 4 נאָכמיטאָג צו ביליגע פּרייזען די בעליבטע פּיעסע
„קאַווקאַזער ליבע"
אָפּערעטע אין 3 אַקטען מיט 20 נומערן געזאַנג און טענץ פון פ. סאַנדלער.
נייע טענץ, אויסגעפיהרט פון באַלעט-מייסטער לייבאַוויטש.
שבת, דעם 29-טען און זונטאָג, דעם 30-טען, 9 אַ זייגער אין אָוונד
פּרעמיערע!!! צום ערשטען מאָל אין לאָדז! פּרעמיערע!!!
אויף דער שוועל פון גליק
אין 3 אַקטען מיט געזאַנג און טענץ פון זילבערג, רעזשיסירט פון ל. ראַבינאָוויטש.
שעהנע טענץ / עס ווערען געזונגען שעהנע געזאַנגס-נומערן / שעהנע טענץ
מאָנטאָג, דעם 31-טען, ווערט נישט געשפּילט.
ס'נעמט אָנטייל (לויט א. ב.) פּרויען: בעזמאַן, באַריסאָווא, נאַדיא קארעני, מאַכאַראָווסקאַ, נערה, פאָדערמאַן, קאָמפּאַניעץ. מענער: אַריעל, אייזענבערג, באַלבירסקי, האַמבורצער, מאַכאַראָווסקי, מאַמקאָוו, נייהויז, פּאָלאַנסקי, ישראל קאָמפּאַניעץ, ראַבינאָוויטש, ראַקאָוו.
אַדמינ.: מ. אַרנוואַלד. מוזיק. לייטונג: ל. זעלמאַן. בילעטען אין פילהאַרמאָניע-קאַסע.

Dr. med. STUPEL
.12 Szkolna 12.
ספּעציאַליסט פאַר הויט-, האָר און ווענערישע קראַנקהייטען
מאַנער - שוואַכע, ליכט און דאַמפּ, רענטגען-שטראַהלען אי
קוואַרץ- ליכט, עלעקטרא-טעראַפּיע
נעהמט אָן פון 6 ביז 9 אין אָוונד.

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאַנאַ 43. טעל. 32-41
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און מענער שוואַכע קראַנקהייטען. היילונג מיט קווארץ-לאַמפּע (האָר-אויספאַל)
נעהמט אָן פון 8—10 און פון 5—8 אָוונד

Dr. med. I. WAJNBERG
CEGIELNIANA 47, tel. 26-02
אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציעל פאַר לונגען-און הארץ-קראַנקהייטען, בעשטראַהלונגען און קינדער-קראַנקהייטען. אין דערהיים פון 3—5 נאָכמיטאָג
צוריקגעקעהרט.

Dr. med. A. Uryson
אינערליכע קראַנקהייטען
ספּעציעל מאַגען, דאַרם און לעבער-קראַנקהייטען
קאָנסטאַנטינער 20, טעל. 85-35
נעמט אָן פון 3 ביז 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג.

Dr. med. St. Heinrich
POMORSKA 10, TEL. 47-67
סטעז. פון אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-לאַמפּען-שטראַהלען
נעהמט אָן פון 2—9 ... און פון 4—7 אָוונד.

דער טאָן פון דער מוזיק.

דעפּ. גרינבוים „קוויטשעט“ — דאָס איז דער שלאָג-אַרגומענט פון זיינע אַלטע און נייע געגנער.

דעפּ. גרינבוים „קוויטשעט“ שוין אַזוי אַ היבש ביסעל יאָהרען און אַליין איז ער נאָך נישט היינזעריג געוואָרען. די יודישע גאַס איז נישט מיד געוואָרען הערענדיג די „קוויטשען“, ווי דאָס האָבען בעוויזען די לעצטע סיים-וואַהלען. מיד זענען געוואָרען אַ ביסעל יודישע פּאָליטיקער און אַ ביסעל יודישע זשורנאַליסטען.

זענען זייערע אויערן אַזוי איידעל, אַז זיי קאָנען נישט פערטראָגען קיין הויכען טאָן? — ניין. זיי האָבען מורא, אַז די אַנדערע, די דעצידירענדע פאַקטאָרען האָבען אַזעלכע איידעלע אויערן און דעריבער דאַרף מען צו זיי רעדען שטיל, פּיאַני-סימאָ, מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען און מיט „פּשעפּראַשאַם“ פון פאָרענט און פון הינטען.

דעם אמת זאָגט מען נישט אַרויס. מוזען מיר זיך דעריבער אָנשטויסען, אַז זיי לייגען פאָר נישט צו פיהרען קיין קאַמף נאָר דורכצוקומען. כ'גייס אפילו נישט וואָס ס'הייסט „דורכקומען“, ווען דער אַנדערער צד וויל גאָר צו קיין דין-תורה נישט געהן. וואָלט דער „אַנטי-קוויטש“-צד געראַכט גע-ווען מיט זיינע טענות, ווען די דעצידירענדע פאַק-טאָרען וואָלטען ווען-נישט-איז אָוועקגעזעצט זיך מיט זיי ביים טיש און כ אַ ט ש מ י ט ז יי גע-רעדט, געשמועסט וועגען שטייערן, וועגען יודישע רעכט, וועגען צוגעהמען יודען אויף מלוכה פּאָס-טענס, אָנערקענען דאָס יודישע שול-וועזען א.ד.גל. דאַמאָלט וואָלט עס געהייסען: מיט „קוויטשערס“ וויל די רעגירונג נישט רעדען, מיט אונז אָבער, איז אדרבה ואדרבה, איז דאָך אָבער די מעשה, וואָס דעפּ. רייך האָט פונ ס אַזוי „מזל“ ווי דעפּ. גרינבוים, דאַרף מען, הייסט עס, זיך פּ ר ו ב ע ן ע ר ש ט מיט נישט-קוויטשעדיגע טענער. אַזעל-כעס איז דאָך שוין אָבער אויסגעפּרובט געוואָרען הונדערט-פאַך בעסער, ווי דאָס וויל רייך און אפילו קירשבראָון. האָבען דאָך שוין יודישע שלוחי-צבור געטאַנצט אויף אַלע פיר, געבויגען זיך אין דרייען און געבעטעלט — האָבען זיי דערמיט מעהר דער-גרייכט ווי דעם מה-יפית-טיטול?

און ווי שווער עס איז נישט היינט די לאַגע פון יודישען קבוץ, איז דען אונז נישט בעסער ווי אַמאָל שוין בלויז דערפאַר, וואָס מיר טאַנצען נישט מה-יפית?

אַוודאי איז היינט אַ אַנדערע צייט. ביי דער מאַכט שטעהען נייע מענשען. אָבער עס ווייסען אַלע, אַז ביי דער מאַכט שטעהען היינט מענשען מיט כאַראַקטער. טאַקע מאַרשאַל פּילסודסקי האָט אין דער נשמה פיינט קריכעריי. אפילו פּרעמיער באַרטעל האָט זיך ביי זיין גאַנץ עלאַסטישקייט אַלס פּרעמיער אַרויסגעוויזען אַלס אַ מענש מיט כאַראַקטער. דאָס זענען מענשען פון קאַמף און נישט פון קריכערישקייט.

עס האַנדעלט זיך וועגען ט אָ ן מיט וועלכען דעפּ. גרינבוים רעדט. אַ טאָן וועלכער איז באמת פרעמד פאַר'ן אויער פון טייל יודיש-בירגערליכע רעפּרעזענטאַנטען. פון וואַנען שטאַמט אָט דער דאָ-זיגער טאָן?

די יודישע מינדערהייט אין פּוילען ליידט. אין טייל הינזיכטען גאָכמעהר ווי אַנדערע מינ-דערהייטען. פערהאַן גרויסע מאַסען, וואָס זענען צוליב זייער לאַגע גוואַלדיג פערביטערט. פערהאַן אַנדערע שיכטען, וואָס זענען ווייניגער פערבי-טערט, פערהאַן, אַזעלכע, וואָס פיהלען זיך בלויז בע'עולה'ט און פערהאַן אויך אַ קליינע שיכט, וואָס פיהלט זיך נישט שלעכט. ביי אַנדערע קומען די דאָזיגע אַלע טענער צום אויסדרוק אויף דער סיים-טריבונע. נאָר אַנדערש איז עס מיט דער יודישער רעפּרעזענטאַנץ. נישטאָ אין סיים דער יודישער דעפּוטאַט, וועלכער זאָל ברענגען צום אויסדרוק דעם פּראָטעסט. און אַז איהר ווילט דעם כעס און צאָרן, וואָס עס פיהלט זיך אויף דער אָרעמסטער יודישער גאַס. פערהאַן ביי אונז אַזוי פיל ליידענ-דע און דערדריקטע, אַז זיי קאָנען אַפילו נישט רעדען, נאָר עס רייסט זיך פון זיי אַרויס אַ גע-שריי, אַ קוויטש, דער דאָזיגער קוויטש פון דער טיפענייש פון דער נשמה, פון „ממעקים“ קאָן דורך דער גרעסטער טייל פון די יודישע דעפּוטאַטען נישט געבראַכט ווערען צום אויסדרוק, ווייל זיי פערזענליך פיהלען אַנדערש. גרינבוים איז דער איינציגער, וועלכער האָט אַנ'אויער פאַר דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער יודישער גאַס. און פון צייט צו צייט רייסט זיך ביי איהם אַרויס דער קוויטש. אַ קוויטש, וועלכער דאַרף בעמאַכט ווערען בעהן-פאַך שאַרפער און היקזיכטלאָזער, ווי דאָס טוט דעפּ. גרינבוים. און וואָלט אין סיים געווען אָט דער דאָזיגער יודישער „קוויטשער“ וואָלט דעפּ. גרינבוים נישט געווען דער „ערגסטער“, וואָלט מען זיין קאַפּ נישט פערלאַנגט, וואָלטען די מאַסגעבענדע פאַקטאָרען גע'טענה'ט, אַז גרינבוים איז אדרבה ואדרבה נאָר אָט יענער „קוויטשער“ איז אומעגליך.

א. ש.

זלמן שניאור / (אַ פּאָר שטריכען).

זלמן שניאור איז היינט איינער פון די אַמ-מעהרסטען בעוואונדערטע און פון די אַמזעניגסטען גע'לעזענע העבּרעאישע דיכטער. די בעוואונדערונג פאַר שניאור'ן פערשטעה איך גוט און בין מיט איהר פולשטענדיג מסכים. דאָס, וואָס שניאור'ס שירים ווערען פערהעלטנישמעסיג צו ווייניג געלע-זען — דאָס פערשטעה איך אַביסעל און בין דער-מיט כלל וכלל נישט מסכים.

פון וואַנען נעהמט זיך די פערעהרונג פאַר שניאור'ן, וויבאַלד גע'לעזען ווערט ער — ווי נע-זאָגט — אַזוי ווייניג? שניאור'ס פערעהרער-קרייז שלעפּט זיך נאָך נאָכ'ן דיכטער זייט 22 יאָהר, זייט זיין העלער שטערען האָט צום ערשטען מאָל אויפ-געבליצט אויף אונזער ליטעראַרישען הימעל און זייט דער „כהן גדול אין בית-המקדש פון אונזער דיכטונג“ — אויב איך מעג מיך בעדינען מיט אַ משכיל'ישער מליצה — ח. נ. ביאַליק האָט איבער איהם געמאַכט די ערשטע ברכה.

פאַר 22 יאָהר — מיר, פערצין-יעהריגע, געדענקען נאָך דעם מאָמענט גאַנץ גענוי. ביי די אָבאָנענטען פון דער „ביבליאָטיקה עבריה“ (תושיה) — זייער צאָהל איז נישט קליין געווען — האָט אַריינ-געגענט אין שטוב אַריין אַ נייע ביכעלע, איינע פון די לעצטע נומערן אין דער דערמאָהנטער תושיה. ביבליאָטעק. שוין ריין אויסערליך האָט דאָס ביכעלע צוגע'ציגען אונזער אויפמערקזאַמקייט: בשעת די אַנדערע ביכלעך פון דער ביבליאָטעק, צווישען וועל-כע עס זענען געווען אַ סך אמת'ריגע ליטעראַטור-פּערלען, זענען געווען אָנגעטון אין אַ שמוציגען, שלעכט צוגעפּאַסטע, רויע איינהיל מיט אַנ'עקעל-האַפטער צייכנונג — אמת'דיגע טאַנדרייט-אַרבייט! — איז שניאור אַרויסגעגאַנגען אין אַ פלאַמענדיגען פאַמעגראַנצפאַרבינען אומשלאַג, אָהן צאַצקעס און כמעט מיט טעם.

אָבער רעכט אויפגעשפרונגען זענען מיר ערשט דעמאָלט, ווען מיר האָבען דורכגעלייענט דאָס בי-כעלע; וואָרום דאָס איז געווען פאַר אַ סך יאָהרען, ווען מענשען האָבען נאָך געלייענט ספרים און יוגענד האָט זיך געקוויקט מיט שירים.

זייט 15 יאָהר, זייט ביאַליק'ס ערשטען אויפ-טרעטען, זענען ביי אונז אויפגעקומען עטליכע ערנס-טע דיכטער; מיר האָבען מיט ליבע בעגריסט זייערע ערשטע, שוואַכע פּרובען, מיר האָבען זיי געזעהען וואַקסען און זיך ענטוויקלען, אָבער בעסער — מיר זענען געוואַקסען און האָבען זיך ענטוויקעלט צוזאַמען מיט זיי.

שניאור איז געווען עפּעס גאַנץ אַנדערש. ווי יונג ער איז נישט געווען — 20 יאָהר איז ער דעמאָלט אַלט געווען און 7 יאָהר האָט ער שוין געדיכטעט — ער איז אַרויסגעשפּרונגען אויף דער ביהנע אַ פערטיגער. אין זיין ערשטער לידער-זאַמלונג האָט ער בעוויזען אַזאַ כח פון אויסדרוק, אַזאַ שוואונג פון געדאַנק — אַז ער האָט אַלע לעזער און פאַר אַלעם די יונגער — מיט אַמאָל געכאַפּט „פאַר'ן נאַרגעל“.

ביאַליק, דער שפּרעכער פון'ם דור, האָט געגעבען די געפיהלען פון די לעזער אויסדרוק און אַזעלכע ווערטער:

„און אָט איז שניאור — אַ יונגער „שמשון“, וואָס איבער נאַכט זענען איהם אויסגעוואַקסען אַלע זיבען צעפּ, אַ יונגער לייב, וואָס טראָגט אַלע סימנים פון דער „אַריסטאָקראַטען“-משפחה. קיינער האָט איהם נישט געזעהן, ווי ער האָט געליטען, ווען די ציין און די נעגעל האָבען איהם געוואַקסען, קיינער האָט איהם אויך נישט געזעהן, ווי ער האָט זיך געראַנגעלט... פונ'ם געדיכטען וואַלד איז ער פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען, שטאַרק און מעכטיג, דער רויב צאַפּעלט צווישען זיינע שאַרפע ציין און אין די אויגען גלאַנצט דער ברען פונ'ם נצחון...“ („שירתנו הצעירה“ — תרס"ח).

נאָך דעם ראָזיגען ערשטען איינדרוק איז נישט קיין חידוש, אַז דאָס „וואונדערקינד“ איז באַלד גע-וואָרען דאָס ליבלינגסקינד, דער „בן-שעשועים“ פונ'ם יונגען דור. דערביי איז דעם דיכטער'ס פּראָדוקטי-וויטעט געווען זעהר גרויס און זיינע כחות זענען געוואַקסען פון טאָג צו טאָג.

דערווייל איז געקומען די גרויסע מלחמה, וועל-כע האָט צושטערט דאָס גאַנצע יודישע קולטורעלע לעבען און איבערגעריסען דעם קאָנטאַקט צווישען דיכטער און פאָלק. אין זאַמע אָנהויב פון דער מלחמה האָט די אָדעסער „כוריה“ אַרויסגעגעבען אַ גרויסען און אַ רייכען באַנד פון שניאור'ס שירים. (ער האָט געהייסען „שירים ופואימות“ און איז אידענטיש מיט די היינטיגע „גשרים“; ער האָט ענט-האַלטען דעם דיכטער'ס שאַפונג פון 1900 ביז 1913) איך ווייס נישט, ווי ווייט דער באַנד האָט זיך פער-בּרייטערט חוץ אָדעס און דער סביבה — ביי אונז האָט מען די ראָזיגע אויסגאַבע כמעט איבערהויפּט נישט געזעהן.

ערשט נאָך דער מלחמה, ווען די וועלט האָט זיך געעפענט, איז דער באַנד נאָך אַמאָל אַרויס-געגאַנגען; עס איז צוגעקומען אַ נייער באַנד שירים („חזיונות“ — 1912—1921) און אַ באַנד פּראָזע („במצר“); צוזאַמען אַ גרויסער אוצר פון שאַפונג, און דאָך נאָר אַ טייל פון דעם, וואָס דער פרוכט-באַרער דיכטער האָט ביז היינט געשאַפען.

פאַר וואָס ווערט שניאור ווייניג געלייענט? אפשר דערפאַר, ווייל ער חזר'ט זיך איבער, ווייל ער ברענגט נישט קיין נייעס? חלילה! שניאור האָט אַ רייכען טאַלענט און אַ שטאַרקע ערפינדונגס-קראַפט, ער איז ממש „כמעין המתגבר“, ער „שפּרודעלט“ מיט געדאַנקען, מיט בילדער, מיט פערגלייכען. די שולד ליגט נישט אין דיכטער, נאָר אין אונז: אין דער גייסטיגער סטרוקטור פון אונזער נער-ווועזער צייט. אַביסעל איז אויך שולדיג די אָרימקייט פון אונזער קריטישער ליטעראַטור, וועלכע פערניכט זיך צו פערנעהמען מיט אַ דיכטער ערשט — ווען ער שטאַרבט, אָדער ווען ער ווערט אַלט און אויסגעטרוקענט.

שניאור האָט אונז פערשיט אויף איינמאָל מיט אַ ים פון שאַפונג. דאָס פּובליקום — אַפילו די ווייניגע, וואָס אינטערעסירען זיך יאָ מיט דיכטונג — האָט זיך אין דעם ראָזיגען וואַלד נישט געקענט אַזוי לייכט אָריענטירען. די קריטיק איז דעם לעזער נישט צו הילף געקומען, ווי איהר חוב איז: צו וועקען, צו דערקלערען, אָנצוּווייזען דאָס שענסטע און ווערטפולסטע. דער עולם בעגנוגענט זיך מיט אַ פּאָר קליינע לידלעך, וועלכע געהען פון האַנד צו האַנד, און פערגעסט — אָדער ווייסט גאָר נישט — פון די גרויסע, אמת עפּאָכאַלע פּאָעמען.

די פּאָעמע „ווילנה“, אַ וואונדערבאַרע אַפּאָ-טעאָזע פון „ירושלים דליטא“. אַ מייסטערווערק, וואָס גלאַנצט מיט הונדערטער בריליאַנטען פון גייסט און פון פאָרם, איז דריי מאָל ערשינען (אין „מקלט“, אין די „חזיונות“ און אין אַ בעזונדערער אילוסטרירטער אויסגאַבע) און דאָך — ווער קען זי ביי אונז?

„עם צלילי המנדולינה“, אַ פאַנטאַזיע, וואָס פיהרט אונז אַריין אין די טיפסטע פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען פון אונזער געשיכטע, ווער ווייסט פון איהר עקזיסטענץ?

„בהרים“, אַ קאָלאָסאַלע זאַמלונג פון רעפלעק-סיעס, פאַנטאַזיעס, בילדער, לעגענדעס און גאָט ווייסט וואָס נאָך פאַר מינים דיכטונג — איבער דער נאַטור פון די שווייצאַרישע בערג — ווער האָט ביי אונז געפּרובט צו פערטיפען זיך אין דעם ווערק, אַזוי ווי עס פערדינט?

שניאור איז געוואָרען יונגערהייט אַ „קלאַסי-קער“: דאָס הייסט רייכע מענשען קויפען זיינע ווערק און שטעלען זיי אַריין אין שאַפע — אָרימע זעהען זיי איבערהויפּט נישט. דאָס איז אויך אַ פעהלער — דערינען איז אפשר דער דיכטער אַליין אויך שולדיג. פינף יאָהר האָב איך געוואָלט קויפען דעם צווייטען באַנד פון זיינע לידער (דעם ערשטען האָב איך געהאַט), האָט מען מיר נישט געוואָלט פערקויפען נאָר אַלע דריי בענדער צוזאַמען.

שניאור'ס לידער דאַרפען אַרויסגעגעבען ווערען אין בילינע איינצעל אויסגאַבען פאַר'ן פאָלק און פאַר דער יוגענד. כל זמן מען וועט נישט קענען קומען צו זיינעם אַ שיר אונטער 5 ראָלאַר — וועט ער בלייבען אַ טויטער „קלאַסיקער“, דערצו איז דער דיכטער נאָך צו יונג און צו פרוכטבאַר.

אפשר וועט דעם דיכטער'ס בעזוך אין פּוילען עפּעס העלפען. דאָס פּובליקום וועט זיך פּערזענ-ליך פערבינדען מיט דעם דיכטער און שאַפונגען אין דער ריכטער מיט'ן פּובליקום. ער וועט זיך דערוויסען, וואו עס געפינען זיך די טויזענדטער פון זיינע לעזער „בכח“, פון די, וועלכע זענען פעהיג און האָבען אַ בעדערפעניש איהם צו לעזען; ער וועט אפשר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב ער וועט דער יוגענד מעגליך מאַכען זיינע שירים צו לייענען, וועט ער אויפציהען אַ דור, וועלכער וועט אויך לייענען די גרויסע רייכע בענדער פון זיינע ווערק.

לאָז אַבער דער דיכטער נישט פערגעסען, אַז ער האָט זיך געקויפט זיין פּלאַץ אין דיכטער-פּאַנטעאָן פונ'ם יודישען פאָלק דורך דער בילינער „תושיה“-אויסגאַבע און ער איז פערגעסען געוואָרען דעמאָלט, ווען עס זענען אַריינגעקומען די דריי פּרעכטיגע בענדער פון זיינע ווערק.

דר. ירמיהו פרענקעל.

*

דאָס אַלץ איז געדערט געווען וועגען שניאור דעם העבּרעאישען דיכטער, ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין דעם קלאַסיקער, וועגען וועלכען אַלע רעדען און קיינער לייענט איהם נישט, וואָס זיינע ווערק און פּראַכט איינבאַנדען דינען צו בעצירען די ביכער-שראַנק פון מעהר אָדער ווייניגער קול-טורעלע סנאָבען.

ס'איז אָבער פערהאַן נאָך אַ שניאור. שניאור דער פּראָזאַיקער, דער יודישער און יודיש-שרייבער, דער דיכטער פון יודישען שטעטעל, ער איז אַ גרויס קאַפּיטעל פאַר זיך, דער שניאור וועט אויך אַריין אין דער יודישער קלאַסישער ליטעראַטור, אָבער נישט אין דעם זין, וואָס אַלע וועלען איהם בעוואונדערען, נישט האָבענדיג געלייענט, נאָר אַלס דיכטער, וואָס די ווערק זיינע ווערען ליטעראַטור-מוסטערען פאַר'ן לייענער און פאַר'ן שרייבער. אָט דער שניאור האָט אַרויסגעוויזען אַ קוואַל פון עכטער יודישען פאָלקסטימליכען הומאָר, פון גרויסער בעאָבאַכטונגס-קראַפט, עמפּינדליכקייט פאַר דער נשמה פון יודישען פאָלקס-מענש, די רעזולטאַטען פון זיין קינסטלערישער בעאָבאַכטונג און ערפאַהרונג האָט שניאור אַרויסגעבראַכט אין אַנ'אַלגעמיין-צוגענגלי-כער און פערשטענדליכער פאָרם, און אַ פּרעכטיגער הזמאָרפולער יודישער שפּראַך.

אָט דער שניאור געהערט נישט צו דער פער-גאַנגענהייט, נאָר צו דער געגענוואַרט און צו דער צוקונפט. צווישען איהם און דעם לעזער שטעהט נישט די מחיצה פון זיינע פריהערדיגע שריפטען, די אויסגערעכענטקייט פאַר רייכע פיינשמעקער, עס שטעהט נישט די נאָך ערגערע שטערונג, די שטע-רונג פון אומצוגענגליכקייט אין דער שפּראַך. אָט דעם שניאור, וועלכער האָט זיך אויפסניי געפונען, אין נייער פאָרם און נייעם אינהאַלט, וועלען פריינד בעגריסען די אַלע, וועלכע שניאור איז געווען פריהער אַ שעהן, אָבער פערשלאָסען בוך.

„גאָט'ס מלאכים-געמיינשאַפט“.

טראַגישע פאָלגען פון די יודיש-קריסטליכע סעקטאַנטישע פּראַקטיקעס אין ווין.

וו י ע ן. (י.ט.אַ.) דאָ האָט זיך לעצטענס גע-גרינדעט אַ נייע סעקטע „גאָט'ס מלאכים געמיינ-שאַפט“, וועלכע שטיצט זיך אויף די יסודות פון אורקריסטענטום. דער גייסטיגער פיהרער פון דער סעקטע איז דער נאַטור-אַרצט הערמאַן מיל. אַ קרוב פון בעריהמטען ענגלישען דזשאָן סטואַר מיל. צו דער סעקטע געהערט אַנ'ערך 600 פּערזאָן, אין דער צאָהל פיל געמישטע יודיש קריסטליכע משפחות. די אָנהענגער פון דער סעקטע צייכנען זיך אויס מיט זייער געוואַלדיגען פאַנאַטיזם. צום. אַנד. אָנערקענען זיי איינגאַנצען נישט קיין מעדי-ציניש קוראַציעס אַפילו בעת אַ טויט-געפאַהר און היילען זיך דורך מאַסאַזשען, תענוגים-קוראַ-ציעס א. אַ. וו.

די טעג איז די עפענטליכע מיינונג אין ווין אויפגערודערט געוואָרען דורך דעם פּלוצלינגען טויט פון 40 יעהריגען יודישען סוחר זיגמונד שלעזינגער, וועלכער האָט געהערט צו דער דאָ-זיגער סעקטע, און האָט זיך קורירט ביי מיל'ן. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען איז שלעזינגער גע-שטאָרבען צוליב אַ פערגיפטונג. זיין פרוי בערטאַ, אַ קריסטין, וועלכע חתונה האָבענדיג מיט שלע-זינגער'ן, איז אַריבער צום יודענטום, איז נאָכ'ן טויט פון איהר מאַן משוגע געוואָרען, און איז איבערגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל פאַר גייסטיג-קראַנקע.

די פּאָליציי פיהרט אַרום דעם ענין אַ שטרענ-גע אויספאָרשונג. בעת דעם פערהער, וואָס דער פיהרער פון דער סעקטע מיל ערקלערט, דאָס שלע-זינגער איז פערגיפטעט געוואָרען דורך אַ פערדאָר-בענעם אייל. אויך אַנדערע מיטגלידער פון דער סעקטע, וועלכע האָבען גענאָסען פון שלעזינגער'ס דערנעהרונג, זענען קראַנק געוואָרען מיט סמנים פון פערגיפטונג.

שוועריגקייטען ביי דער קאָלאָניזאַציע פון בירא-בידזשאַן.

ר י ג אַ, 26. (י. ט. א. טעלעגראַפיש). אין כאַרקאָוו איז פאָרגעקומען די אַלאוקראַינישע קאָנ-פערענץ פון „געזערד“. ראַשקעס, וועלכער איז נאָר-וואָס געקומען פון בירא-בידזשאַן, האָט אָפּגעגעבען אַ בעריכט וועגען דער לאַגע. פון 654 יודישע קאָ-לאָניסטען האָבען 329 פערלאָזען דאָס לאַנד צוליב די קאָלאָניזאַציע-שוועריגקייטען. אַנשטאָט די פאָר-אויסגעזעהענע 1500 העקטאַר זענען בעאַרבייט געוואָרען נאָר 225. די אַרבייט האָט פיל געליטען צוליב דער פערד-עפּידעמיע, פון וועלכער ס'זענען געפאַלען 200 פערד.

נישט קוקענדיג אָבער אויף אַלע שוועריגקיי-טען וועט די קאָלאָניזאַציע-אַרבייט פאָרטגעזעצט ווערען און עס וועלען בעזעצט ווערען נייע 800 קאָלאָניסטען. מען וועט אָבער דערביי פיל בעדירפען לעגען אויפ'ן מענשען-מאַטעריאַל.

נייער פאָלקסבלאַט

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט

27 דאָנערשטאָג — יד טבת תרפ״ט

דעצעמבער

זון־אויפגאַנג 7.44
זון־אונטערגאַנג 3.28

לאָדזער גנבים אין קאַטאָוויץ
זענען אַרעסטירט געוואָרען ביים אויספיהרען אַ שטיקעל אַרבייט

(ט) דער לאָדזער אויספאָרשונגס־אַמט האָט נעכטען בעקומען אַ מיטיילונג פון דער קאַטאָוויצער פאָליצײַ, אַז דאָרט זענען אַרעסטירט געוואָרען די צוויי לאָדזער גנבים לייבוש בעלשטיין און אהרן מעטליק.

די גנבים זענען אַרעסטירט געוואָרען בעת זיי האָבען געהאַט אויסגעפיהרט אַ גנבה, בעת וועלכער זיי האָבען צוגענומען 57,700 זלאָטים. די גנבה איז בעצייטענס בעמערקט געוואָרען און די 2 גנבים זענען אַרעסטירט געוואָרען, ביי זייערען האָט מען געפונען אויסלענדישע פעסער, ווי ס'זעהט אויס האָבען זיי געוואָלט מיט דער גנבה אנטלויפען קיין אויסלאַנד.

איינברוכס־גנבה אין דער בילדונגס־אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט.

(2) ווען די רוימערין פון דער בילדונגס־אָפּ־טיילונג ביים מאַגיסטראַט אויף פיראַמאָוויטש 3 האָט נעכטען אין אָווענד געוואָלט אַריינגעהען רוימען די ביוראָ־צימערען האָט זי בעמערקט, אַז אַלע שאַפען זענען אויסגעהאַקט, זי האָט זיך גלייך אָריענטירט, אַז אין ביוראָ האָבען געבאַלעבאָטעוועט גנבים, די רוימערין האָט דעריבער גלייך געמאָלדען דעם 5. קאָמיסאַריאַט און דעם אויספאָרשונגס־אַמט און אין דער אַנוועזענהייט פון פאָליצײַ האָט מען געעפענט די טיר, אין גאַנצען ביוראָ איז געווען אַ געוואַלדיגער אונאָרדנונג. די גנבים זעהט אויס האָבען אומעטום געזוכט געלד, נאָר האָבען נישט מעהר געפונען ווי אין איין קאַסעטקע גאַנצע 100 זלאָטעס.

פון ביוראָ פון דער בילדונגס־אָפּטיילונג זענען די גנבים אַריין אין דער וואוינונג פון ד״ר וואיטשינ־סקא, מ'קאָן אָבער נישט פעסטשטעלען וואָס די גנבים האָבען דאָרט מיטגענומען וויל די פרוי ד״ר וואיטשינסקאַ איז נישטאָ אין לאָדז.

אַן איידעם בע'גנב'עט זיין שווער.

הערש פרייבערג האָט געהאַט אַ סך סיבות צו זיין נישט צופרידען מיט זיין איידעם אהרן גאָלד־פינגער.

גאָלדפינגער איז געווען אַ קנאַפער פערדינער און דער שווער האָט געמוזט געבען אויף צו לעבען. גאָלדפינגער האָט אָבער דאָס געלד, וועלכעס ער האָט בעקומען אויף צו לעבען אויסגעגעבען אויף פערמערע ווייבלעך, רעסטאָראַציעס א. ד. גל.

גאָלדפינגער'ן איז געוואָרען זעהר שלעכט אָהן דעם שווער'ס אונטערשטיצונג.

איינמאָל איז גאָלדפינגער געקומען צום שווער איבערעדען וועגען זיין גורל. ער האָט דאָרט קיינעם נישט געטראָפען אין דער היים. האָט ער אויסגע־נוצט די געלעגענהייט און אַוועקגעגנבעט אַ אייניגע שטוב זאַכען אין דער ווערט פון 1500 זלאָטעס

אויף צו מאָרגענס האָט דער שווער איבערגע־געבען דער פאָליציי וועגען דער גנבה.

די פאָליציי האָט אונטערגענומען אַן אונטער־זוכונג און געפונען גאָלדפינגער'ן שוין אין אָזאָרקאָוו, מען האָט איהם דאָרט אַרעסטירט.

דאָס געריכט האָט פערמשפט דעם נישט „גע־לונגענעם איידעם" אויף 4 חדשים טורמע.

סקאַנדאַליעזע צרות ליידט אַלאַ־קאַטאָר פון זיין סובלאָקאַטאָר.
דער סובלאָקאַטאָר בעקומט אָבער פון געריכט אַ פסק.

מיט אַ צייט צוריק האָט זיך אין דער וואוי־נונג פון אַ געוויסען טאָמאַש טשעשעלסקי, אַ 87־יעהריגען איינזאַמען זקן, אריינגעצויגען אַלס סובלאָקאַטאָר דער גוט־בעקאַנטער אין יענער געגענד שוואַנטורניק באָלעסלאַוו לאַכודראַ.

באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן האָט לאַכודראַ געוואָרפען אַן אויג אויף דער וואוינונג און בעשלאָסען פאַר יעדען פרייז אַרויסצושייסען דעם אַלטיטשקען.

מיט דער שטילער הסכּמה פון הויזווירט, האָט ער אויסגעפרובט אַלע מיטלען און שיקאַנעס, בכדי דעם אַלטען צו פערביטערען און פערמיאוסען דאָס צוזאַמענוואוינען.

זעהענדיג, אַז די אַלע אַנגעוואָנדענע גנישות העלפען דאָך נישט און דער אַלטער וויל נאָך אַלס נישט פערלאָזען זיין מקום מנוחה, איז לאַכודראַ געפאַלען אויף אַן אָריגינעלע המצאה:

אַזוי ווי דער אַלטער טשעשעלסקי האָט זיך נאָר אַנגעלעהנט אויפ'ן בעט, האָט זיך לאַכודראַ אויפגעקנעפּעלט די מייטקעס, אַנידערגעזעצט זיך ברחבות'דיג און פאַר דער נאָז פון אַלטען... ער־לעדיגט אויף דער גאָר גראָבער פּאָדלאָגע זיינע פיזיאָ־לאָגישע בעדערפענישען.

דער שרעקליכער גערוך, וואָס איז דורכדעם ענטשטאַנען אין ענגען שטיבעל, האָט אַרויסגע־טריבען דעם אַלטען אויף דער גאַס, וואו ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט גאַנצע טעג.

די שכנים האָבען אָבער שוין מער נישט גע־קאָנט צוזעהן די פיין און יסורים, וועלכע ס'ליידט דער אומגליקליכער זקן דורך זיין ווילדען סובלאָ־קאַטאָר און זיי האָבען וועגען דער גאַנצער זאַך געמאָלדען אין נאָהענטסטען פאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

עס איז באַלד אָהין דעלעגירט געוואָרען אַ פאָלי־ציאַנט, וועלכער האָט געפרובט לאַכודראַ'ן אָפּצו־פיהרען אין קאָמיסאַריאַט.

לאַכודראַ האָט אָבער געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד דעם פאָליציי־פונקציאָנער. איהם שטאַרק בעליידיגט און אָפילו זיך גענומען שלאָגען. טענה־דיג, אַז אין זיין וואוינונג איז ער בעל בית און קיינער האָט זיך נישט קיין רעכט צו דיקטירען איהם ווי אַזוי ער זאָל זיך דאָרט אויפפיהרען.

די אַרגומענטען פון לאַכודראַ'ן האָבען אָבער אַ פּנים די אַנגעלאָפענע פאָליציאַנטען נישט איבערצייגט.

מיט געוואַלד האָט מען איהם אָפּגעפיהרט אין פאָליציי־קאָמיסאַריאַט, וואו ס'איז געגען איהם צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אַ פּראָטאָקאָל.

אַנומעלט איז זיין פּראָצעס פאָרגעקומען אין פרידענס געריכט.

דער בעשולדיגער לאַכודראַ האָט זיך צום פּראָצעס אַליין נישט געשטעלט, נאָר בעפּאָלמעכ־טיגט אַן אַדוואָקאַט איהם צו פערטיידיגען. דער אַדוואָקאַט האָט איהם געפרובט צו פערענטפערן מיט שׂיפרות. דער ריכטער האָט אָבער די טענות נישט בעגומען אין אַכט און לאַכודרע'ן פערמשפט אויף 4 וואָכען אונבעדינגטען אַרעסט.

„אַרט" זאַכאָדניאַ 43

יודישער קאַמער־טעאַטער
לייטונג: מ. בראָדערזאָן.

היינט — 1 פאָרשטעלונג:
אָנהויב 9.30 אַ זייגער אָווענד

„לאַטקעס"

1) אובערטור | 3) קאָפּעליוש | 5) קיילע־ביילע | 7) וואַסער־טרעגער | 9) ווייב און געליבטע
2) נאָקטורען | 4) באַלעבאַטיש | 6) מורינו אַליבאַבאַ | 8) לאַטקעס | 10) ס'יודישע נעסעל

הנחה־בילעטען זענען היינט גילטיג.

טעקסטען פון משה בראָדערזאָן, משה נאַדיר, אהרן צייטלין און ב. קאַהנער. מוזיק: דוד ביינעלמאַן און י. בוים.

די קאַסע איז אָפען טעגליך פון 6 אַוו., שבת פון 1.30 ביז 5 נאָכב. און פון 7 אָווענד.

פּאָליטישער פּראָצעס.

אין קרייז־געריכט איז פאָרגעקומען דער פּראָ־צעס געגען דעם 18־יעהריגען חיים ריטערסקי, וועל־כער איז אַרעסטירט געוואָרען דעם 2. סעפּטעמבער אויף מלינאַרסקאַ־גאַס בעת אַ מאַניפעסטאַציע פון יוגענטליכע קאָמוניסטען.

דאָס געריכט האָט פערמשפּט ריטערסקי'ן אויף 2 יאָהר טורמע.

געפעלשט אַן אונטערשריפט
אין אַ ביכעל פון קראַנקען־קאַסע.

דער אַרבייטער אַנטאָני מראַטשקאָווסקי האָט זיך געווענדעט צום לייטער פון קראַנקען־קאַסע מען זאָל איהם אויסצאָהלען אונטערשטיצונג פאַר דער צייט, וואָס ער איז געווען קראַנק. דער לייטער האָט אָבער בעמערקט, אַז דאָס קראַנקען־קאַסע־ביכעלע איז אונטערגעשריבען נישט דורך אַ דאָקטאָר, נאָר, אַז די אונטערשריפט איז געפעלשט. דער לייטער האָט איבערגעגעבען מראַטשקאָווסקי'ן דער פּאָליציי.

דאָס געריכט האָט פערמשפּט מראַטשקאָווסקי'ן אויף 3 חדשים אַרעסט פאַר פעלשען די אונטער־שריפט אין קראַנקען־קאַסע־ביכעלע.

די פאָלגען פון דער גליטש.

(2) צוליב דער נעכטיגער גליטש אין די אָווענט שעה'ן איז אויף קאָנסטאַנטינער 131 געפאַלען דער 16־יעהריגער טאַדעאוש בושעשינסקי און צובראָ־כען די לינקע האַנט.

אויף לאַגיעווניקער (?) ... 9 איז געפאַלען די 68־יעהריגע מאַריאַנאַ ראָטניצקאַ און צובראָכען אַ פוס.

אין ביידע פאַלען האָט די פּאָגאָטאָוויע ער־טיילט די נעליטענע די ערשטע הילף.

אויף פּיעטריקאָווער לעבען נומער 268 איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכער אומגליקס פאַל.

דורך דער גאַס איז דורכגעגאַנגען די 17־יעה־ריגע קאַמילאַ ניעפּעוונאַ פלוצים האָט זי זיך אויס־געגלישט און איז געפאַלען אין דעם מאָמענט איז אויך אָנגעלאָפען אַן אויטאָ און אַרויף אויף דעם טראָטואַר.

זי איז שווער פערוואונדעט געוואָרען. די אַרויס־גערופענע פּאָגאָטאָוויע האָט זי אין אַ בעוואוסטלאָזען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אַהיים.

6 זעלבסטמאָרדען.

(2) אין פערלויף פון די לעצטע 2 חנא טעג, האָבען געפּרובט צו בעגעהן זעלבסטמאָרד פאָל־גענדע 6 פערזאָנען: העלענאַ פרידמאַן פון ושע־ראָמסקעגאָ 13; העלענאַ עדעלסבערג — סקווע־ראָווע 5; חיה ציטרין — אַבראַמאָוסקי 30; מאַריאַ זיסקינד — פּיעטריקאָווער 18; טאָלאַ קאַלאַן — דרעווגאָווסקאַ 8; ראָמאַן פּילקע — זאַקאָנטנאַ 20.

אָפּקלאַנגען פון די לעצטע מאָרדען.

(2) דער מאָרד איבער'ן יודישען הויז־בעזי־צער מיכאל קרול איז אַלץ ווייטער פערהילט אין אַ געהיימניש. ביז איצט איז דער אמת'ער מער־דער נאָך נישט געכאַפּט געוואָרען. די פּאָליציי פיהרט די אויספאָרשונג זעהר ענערגיש. די לעצטע טעג זענען ווידער אַדורכגעפיהרט געוואָרען אָב־לאַוועס און ס'זענען דערביי אַרעסטירט געוואָרען עטליכע פערזאָן.

אויך די קרייז־פּאָליציי איז אויף די פיס, כדי צו ענטדעקען, די מערדער, וועלכע האָבען לעצ־טענס ערמאָרדעט אין קאָנסטאַנטין דעם יודישען יונגערמאַן אהרן קאַלניעזש, און וועלכע האָבען אויסגעפיהרט דעם בלוטיגען אָנפאַל אין אַלעקסאַנ־דער.

אויפקלערונג.

אין ווי פון דער „קראָניק־נאָטיץ „3 אויס־וואָרפען" אין נעכטיגען נומער פון אונזער צייטונג האָבען זיך אייניגע פערזאָן מיט'ן נאָמען פּאָסטערנאַק נעפּיהלט געטראָפען, ערקלערען מיר נאָכאַמאָל, אַז די נעמען און די נאָמען, וואָס זענען דאָרט געבראַכט, זענען אויסגעטראַכטע, וואָס איז איבריגענס באַלד אין דער נאָטיץ אָנגעוויזען געוואָרען.

היינטיגער שניאור־אָווענד.

ז. שניאור איז שוין מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק געווען אַ שם־דבר, די וועלט האָט איהם געקאָנט שוין דאַמאָלט, נאָר לאָדז, וואו דער יונ־גינקער שניאור האָט געוואוינט און געשאַפען זיינע הערליכע לידער האָט איהם קנאַפּ־וואָס געקענט, יחידים נאָר געדענקען דעם געוואַקסענעם שוואַרצ־לאָקיגען, שוואַרצע אויגען, צאַרט־בלאַסען יונגעל, וואָס האָט אַרומשפּאַצירט איבער אונזער פּעטריקאָ־ווער, און געצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דורכגעהער. שניאור'ס אויסערליכקייט האָט געשלעפּט לאָדז, שניאור'ס אינערליכקייט האָט גע־פּלעפּט די גאַנצע יודישע וועלט.

לאָדז מעג זיך יחוס'ן מיט דעם, וואָס אַזאַ

גרויסער נאָמען האָט פערבראַכט צווישען איהרע מויערען אַ געוויסע צייט פון זיין יוגענד, און אינ'ם טומעל פון איהרע פאַבריקען זענען אויך געשאַפען געוואָרען זיינע ערשטע לידער.

נישט קוקענדיג אויף די עטליכע און צוואַנציג יאָהר, וואָס זענען פערלאָפען, קומט צו אונז דער גרויסער דיכטער אַ יונגער. דער אייביג־יונגער שניאור. דאָס געעלטערטע לאָדז וועט זיך אָפּפרישען און אויפלעבען אין דער נאָהענטקייט פון דעם גרויסען אומעטום און אַזוי וואַרים געפייערטען קינסטלער.

היינט 4.15 נאָכמיטאָג קומט צופאָהרען מיט דער ווינער באַהן דער גרויסער נאָמען דיכטער ז. שניאור. ביי דער באַהן וועלען דעם נאָמען מקבל פּנים זיין דער קבלת פּנים קאָמיטעט ווי אויך פאָר־שטעהער פון פערשידענע אָרגאַניזאַציעס.

אַ וואַרשאַווער קאַכאַנעק.

סטאַניסלאַוו שטשערבינסקי, אַ בעקאַנטער כור־לינאַן האָט זיך בעקענט מיט דער 40־יעהריגער יד־זעפאַ באַריטש און אָנגעהויבען לעבען אויף איהר חשבון. די באַריטש איז געווען אַ דינסט ביי אַ געוויסער פאַמיליע ב. אויף וואָלטשאַנסקאַ גאַס.

שטשערבינסקי'ן איז געווען ווייניג די קלייטע פערדינסטע פון זיין געליבטער און ער האָט זי אָנגע־רעדט צו־ווערען, אַז זי זאָל בעגנבענען איהרע אַרבייטס־געבער. די באַריטש האָט זיך נישט גע־לאָזט איינרעדען; שטשערבינסקי האָט זי צוליב דעם אַזוי געשלאָגען, אַז מען האָט געמוזט צו איהר אַרויסרופען די פּאָגאָטאָוויע.

ווען די באַריטש האָט אין דער פּאָגאָטאָוויע דערצעהלט, פאַרוואָס איהר חתן האָט זי אַזוי צו־שלאָגען האָט די פּאָליציי אַרעסטירט שטשערבינסקי'ן.

דאָס געריכט האָט פערמשפּט שטשערבינסקי'ן אויף 6 חדשים טורמע.

אַפּטייקען
היינטיגע נאַכט־דיזשורען.

ג. אַנטאָניעוויטש, (פּאַביאַניצער 50). סאָנ־דושיצקי, (פּיעטריקאָווער 164). ה. כאָקאָלעוויטש, (פּשעיאַזד 19). ר. רעמבעלינסקי, (אַנדושעיאַ 26) י. וואַרעלעוויטש, (פּעטריקאָוער 25). מ. קאַספּער־קעוויטש, (זגערזשער 54). מ. טראַווקאָווסקאַ (בזשע־זשינער 56).

Dr. Z. Rakowski

קאָנסטאַנטינער 9. טעלעפאָן 27-61

די אקציע פאר'ן קרן-העליה אין לאדז.

זייט עטליכע טעג פיהרט זיך אין אונזער שטאט אַן׳אַקציע פאר'ן „קרן העליה". די דאָזיגע אַקציע וואָס ווערט אָנגעפיהרט דורך דער לייטונג פון דער „החלוץ" אָרגאַניזאַציע ביי דער מיטהילף פון די חשוב'סטע בירגער פון דער שטאָט, האָט דעם צוועק צו זאַמלען די געהעריגע מיטלען אויף רייזע-הוצאות פאַר די חלוצים, וואָס דאַרפען איצט אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן ערטיילען דורך די ארץ-ישראל-רעגירונג נייע סערטיפיקאַטען (איינרייזע-ערלויבענישען), עולה זיין קיין ארץ-ישראל און בעזיצען נישט די געהעריגע מיטלען דערצו. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיגער אַקציע האָט בעווייזט אין לאָדז דער פרעזידיום-מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פאַר „קרן העליה" אין וואַרשא, ס. ג. אינזש. קערנער, וועלכער האָט אָפגעהאַלטען אַ בעראַטונג מיט די חשוב'סטע עסקנים פון אונזער שטאָט. צוליב דעמזעלבען צוועק דער פאָרשטעהער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „החלוץ" אין פוילען ה' פ. קאָזלאָווסקי.

פערזאמלונג

פון מארק- און מארק-שטייער.

אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' בענדעט איז פאָרגעקומען די יעהרליכע פערזאַמלונג פון מאַרק- און מאַרק-שטייער.

דער פרעזעס מינץ גיט אָפּ אַ גענויען בעריכט פון דער טעטיגקייט, ער שטרייכט אונטער די טרויעריגע לאַגע פון די מאַרק- און מאַרק-שטייער. ווען גישט די גמילות-חסדים-קאַסע, וועלכע קומט אין יעדען מאָמענט מיט הילף די מיטגלידער, וואָלט דעם גרעסטען טייל אויסגעקומען אײנצופּאַקען זייערע קרעמלעך און פערלירען זייער ברויט.

דעם קאַסע-בעריכט גיט אָפּ ה' פרענקעל. נאָך לענגערע דעבאַטען איבער די טעטיגקייט און קאַסע-בעריכט קומען פאָר וואַהלען פון אַ נייער פערוואַלטונג. עס ווערען אויסגעוועהלט: פרעזעס — מענדעל מינץ, וויצע-פרעזעס — אברהם אַבּאַראַמאָוויטש, סעקרעטאַר — פישעל פרענקעל, קאַסירער — פישעל פאַרבער, עקאָנאָם — יעקב קאַסאַווסקי און די ה"ה מרדכי פירלער, יונה פאַפּאָוויטש, מרדכי קרזל, העניך בענדעט, רעוויזיר-קאָמיסיע: מאיר פריינד, זיגמונד סטורענט.

ווינאגראדאוו-קאנצערט

יוסף ווינאָגראַדאָוו האָט אַמאָל מיט זיין שעהנעם קלינגענדיגען באַריטאָן און מיט זיין נאָך שענערע חיבּורדיגען געזאַנג געריהרט הערצער, ממש בּאַ־צויבערט די צוהערער. איז מען טאַקע געשפּאַנט גע־ווען צו הערען איצט, נאָך איינגע יאָהרען שפּעטער, צי האָט נאָך דער אַמאָליגער מייסטער-זינגער בע־האַלטען די ענערגיע, דעם פלאַמענדיגען טעמפּעראַמענט, צו זינגען אַזוי ווירקונגספול, די פרישקייט און דעם מעטאַלישען קלאַנג פון זיין שטים.

ליידער, די אומבּרחמנות'דיגע צייט האָט שוין געלייגט איהר זיגעל אויף זיין שטים. זי איז שוין מאַט, האַרט, שווער און אין די טיפע לאַגען כמעט אָהן קלאַנג. זי, די שטים, בעוועגט זיך נאָך אפילו פריי אין די העכערע רעגיסטערן, אָבער דאָס איז שוין מער ווי אַ גראַגענעל, אַ קאַמף פון אַ לייב, וואָס האָט פער־לוירען זיין פרייהייט.

„רחם נא" זינגט דער אַמאָליגער רית. און מיר פיהלען איהם מיט. גאָט זאָל זיך טאַקע דער־באַרעמען אויף איהם און אויף אַלע, וואָס מוזען זינגען אין זיינע יאָהרען...

ווינאָגראַדאָוו איז אָבער אַן׳אַקטיאָר, און דער גרויסער אַקטיאָר לעגט אַריין אין יעדען ליד אַזוי פיל דראַמאַטישען גלוט, אַזוי פיל האַרץ, אַז מ'ווערט געריהרט ביז צו טרערען, וואָס וואָג איך, ביז צו טרערען — ממש מען וויינט. מיין שכנ'טע, אַ גאַנץ סימפּאַטישע פערזאָן, האָט אין ווייטע צווישען ר' לוי יצחק מיט גאָט זעהר ביטער געוויינט.

יאָ, ווינאָגראַדאָוו שפּילט שוין מעהר ווי ער זינגט. „יודעל מיט'ן פידעל" — איהר געדענקט דאָך, ליבע לעזער, ווי ווינאָגראַדאָוו האָט דאָס לידעל וואונ־דערפול און ריהרענד געזינגען, ווי קיין אַנדערער איז דאָס נישט געווען אימשטאַנד — האָט ער דאָס מאָל געצווונגען נאָר אָפּשפּילען. דאָ ליגט די טראַגעדיע פון ליד און זינגער. על תשליכנו...

לילי האַקאָווסקאַ האָט מיט איהר ווייך-פערזיען־דאַפּטען פירעל-טאָן ענטציקט דעם עולם, וועלכער האָט זי געצוואונגען צו שפּילען אויף בּיס. דער אַלטיטשקער יעקב הירשפעלד האָט נאָך גאַנץ יונג בעגלייט די סאָליסטען און ביי „יודעל מיט'ן פידעל" האָט ער מיט אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ פערענדיגט דעם שלום-אַקאָרד על תשליכנו...

D-ski.

פון א מחלוקה צו א מארד.

(2) אין דער ציגעלניע אין זשאַבעניץ איז נעכ־טען פאָרגעקומען אַ געהיימניספולער מאָרד.

די ציגעלניע איז צוליב די חגאות געווען נישט טעטיג. אין בנין איז געבליבען נאָר דער 29-יעה־ריגער מיכאל ציל.

נעכטען, ווען עס זענען פון לאָדז קיין זשאַבעניץ צוריקגעפאָהרען איינגע דאָרפסלייט האָבען זיי גע־פונען צילען מיט שוואַכע סמנים פון לעבען און שווערע וואונדען אין קאָפּ, עטליכע צעהנדליג שריט פון דער ציגעלניע. די פּאָליציי פיהרט אַן׳ענערגישע אויספאָרשונג, כדי צו ענטדעקען דעם אָנפאַלער.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט איז פאָרגעקומען אַ מחלוקה צווישען דעם ערכאַרעטער ציל און די צוויי ברידער ראַניאַק. די מחלוקה איז שנעל איבערגעגאַנגען אין אַ געשלעג. און ציל האָט געכאַפּט אַ האַק און זיך געוואָרפען אויף די ברידער ראַניאַק, וועלענדיג זיי דערהרגענען, כדי זיך צו פערטיידיגען דאָס לעבען האָט איינער פון די ראַניאַק געכאַפּט אַן׳איזערנעם דראָנג און מיט איהם דער־לאַנגט צילען אין קאָפּ. ביי ציל'ן איז געשפּאָלטען געוואָרען דער מוח.

די פּאָליציי האָט אַרעסטירט דעם צופעליגען מערדער.

ספארט-בעוועגונג.

פרעסע-קאנפערענץ אין „הכח".

ביים היינטיגען טאָג עקזיסטירען ביי אונז אין שטאָט 6 יודישע ספּאָרט-פעראיינען. ליידער ווייזען זיי בישט אַרויס אַזאַ טעטיגקייט, וואָס זאָל ענטשפּרעכען זייערע פליכטען.

אַזוי איז שוין זייט עטליכע יאָהר. „נייער פאָלקסבלאַט" איז שוין מיט עטליכע יאָהר צוריק אַרויסגעטרעטען מיט אַן׳אַפּעל צו די יודישע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי זאָלען זיך פעראייניגען און שאַפען איין מעכטיגע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציע. עס האָבען זיך אַ צייט געפיהרט אונטער־האַנדלונגען, און סוף-כל-סוף איז געבליבען ביים אַלטען. עס זענען אין לאָדז געבליבען 6 פעראיינען וועלכע ווייזען אַרויס אַ קליינע טעטיגקייט.

מיר ווייסען, אַז די פעראיינען דיספּאָנירען מיט קליינע מאַטעריעלע מיטלען, זיי בעקומען פון קיינעם קיין סובּסידיעס נישט, און זיי מוזען זיך אַליין אויסהאַלטען. דאָס האָט אויך נעכטען בע־טאָנט ה' שולזינגער, אין נאָמען פון דער פער־וואַלטונג פון „הכח" אויף דער פרעסע-קאָנפערענץ, וועלכע איז נעכטען דורך „הכח" צונויפגערופען געוואָרען אין זייער נייעם לאָקאַל אויף זאַכאַד־ניע 66.

ה' שולזינגער גיט איבער, ווי שווער, און אין וואָס פאַראַ בעדינגונגען עס קומט אויס צו אַרבייטען אַ יודישען ספּאָרט-פעראיין, און ווי שווער ס'איז אָנגעקומען דאָס ערצילען אַן׳אייגען לאָקאַל.

ה' סלוושעווסקי גיט איבער אינטערעסאַנטע פּרטים פון דער טעטיגקייט פון דער פוסבאָל-מאַנשאַפט.

עס בעגריסען די ה"ה שטערן און קאַלושינער. דער פאָרזיצער פון ספּאָרט-זשורנאַליסטען פעראיי־ניגונג ה' קאָשיצקי רעדט וועגען די בעציהונ־גען צווישען די יודישע ספּאָרטלייט און גישט-יודישע און ווי אַזוי די פוילישע פרעסע האָט ביז איצט רעאַגירט. ער זאָגט צו אונטערצושטיצען מיט וואָס עס וועט נאָר מעגליך זיין די יודישע ספּאָרט-אונטערנעהמונגען, און צום סוף, רופט דער רעדנער די יודישע ספּאָרט-לייט צו זיין טעטיג אין די אַמטען פון מיליטערישע צוגרייטונגען, ווייל סיי די יודישע, סיי די פוילישע ספּאָרטלער האָבען די זעלבע צילען.

דעם לעצטען רעדנער ענטפערט דער פער־טרעטער פון „נ. פאָלקסבלאַט" ה' אַלטמאַן, דער רעדנער ווייזט אָן אויף די ספּעציפישע בעדינגונ־גען פון די יידישע ספּאָרטלייט און די קאַלטע בעציהונג פון דער פוילישער פרעסע פאַר יודישע ספּאָרט-ענינים.

נאָך דעם געהט דער רעדנער איבער צו דער בעגריסונג (דער ערשטער וואָס רעדט יודיש) דער רעדנער ווייזט אָן דערויף, וואָס עס איז נישט גע־קומען צו קיין פעראייניגונג פון אַלע היגע ספּאָרט-פעראיינען און לייטען זאָגען, אַז אין אַ געווי־סער מאָס, וואָס עס איז נישט געקומען צו דער פערשטענדיגונג פון דעם פּראָיעקט פון אונזער צייטונג איז שולדיג „הכח". „דאָך, היינט ביי אייער פייערונג, זעהען מיר גוטען ווילען צו אַרבייטען אויף דעם ספּאָרט-געביט צווישען דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג, פאָדערן מיר פון אייך, אַז מיט אייער אַרבייט זאָלט איהר וואָס מעהר ספּאָרטלער בעוואונען, אַז אייערע רייהען זאָלען בילדען אַ גרויסע מתנה פון יודישע אַקטיווע ספּאָרטלער און דערמיט וועט איהר צווינגען די געזעלשאַפט, וועלכע בעציהט זיך צום ספּאָרט גלייכגילטיג, מיט אייך זיך צו פעראינטערעסירען. די גמינע און מאַגיסטראַט וועלען אייך מוזען מאַ־טעריעל אינטערשטיצען. אויב ס'איז נישט געשאַ־פען געוואָרען קיין פעראייניגונג פון אַלע יודישע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס, טאָ זאָל דער „הכח" איצט ענטוויקלען אַזאַ אַרבייט, אַז דאָס זאָל ענטשפּרע־כען די פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ליגט אויף אַ פעראיין, וואָס וויל זיין דער פראָם נירענדסטער צווישען די איבריגע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס.

נאָך די רעדעס האָט דער עולם פערבראַכט עטליכע שעה ביי אַ גלעזעל משקה אין אַ גוטער שטימונג.

א.

דער בעקאנטער רעכטס-קענער
י. איינפעלד

וואוינט איצט אויף פעטריקאווער 31.
שפּרעכשטונדען טעגליך פון 5—8 אָוו.
נעמט אויך אונטער דורכצופיהרען אין בוררים-געריכטען די שווערסטע סכסוכים בעוויסענהאַפט און לויט די פערפליכטענדע געזעצען.

טעלעגראמען.

געוועזענער קעניג פון העדזשאס
מאַרשירט געגען דעם איצטיגען הערשער.

לאָנדאָן, 26. (א. ה.) ווי מ'מעלדעט פון העדזשאַס, האָט דער געוועזענער קעניג פון העדזשאס אלי, וועלכער איז אַראָפּגעוואָרפען געוואָרען דורך דעם איצטיגען הערשער איבן-סאוד, צונויפגע־זעצט עטליכע שבטים.

מ'האַלט, אַז אין פערלויף פון עטליכע טעג וועט אלי צונויפזאַמלען 30 טויזענד אויפשטענדיגע און מאַרשירען געגען איבן-סאוד.

אויפגעריסען א פולווער-מאגאזין אין כינא.

פעקין, 26. (ספּ. טעל.) נעכטען קאַלונאַן איז אויפגעריסען געוואָרען אַ פולווער-מאַגאַזין, 25 כינעזישע סאָלדאַטען זענען דערביי דערהרגעט גע־וואָרען.

ווי „טעלאוניאַן" מיילט מיט האָבען דעם פול־ווער-מאַגאַזין געוואָלט אויפריסען די כינעזישע קאָ־מוניסטען.

לעבעדיגערהייט פערברענט גע-וואָרען 4 קינדער.

פּאַריז, 26. (ספּ. טעל.) אַ פּריוו טעלעגראַמע איז געקומען מאַכען איינקויפען אויף די האַנאַ, האָט איבערגעלאָזען אינדערהיים איהרע 4 קליינע קינדער. די קינדער האָבען זיך אָנגעהויבען צו שפּילען מיט שוועבעלעך, ס'איז אויסגעבראָכען אַ פייער און אַלע 4 קינדער זענען פערברענט געוואָרען.

פון יודישען טעאטער.

„הערצער צו פערקויפען", דראַמע אין 4 אַקטען פון ל. מלאך.

אַמאָל, אַמאָל פלעגט אַ מאַמע אַנוואַרפען אויף יודישע מאַמעס און טעכטער דער נאָמען פון דעם לאַנד: אַרגענטינע. די אבות פלעגען אויפציטערען ווען איז שטילע, טונקעלע פאַרנאַכטען האָבען שכנ'טעס זיך דערצעהלט איינע דער אַנדערער וועגען יודישע טעכטער, וואָס זענען פערקויפט געוואָרען ערגיץ „אַהין", קיין בוענאָס-איירעס.

ל. מלאך, האָט דעם דאָזיגען מאַטעריאַל גע־פּרובט אויסנוצען אויף אַ טעאַטער-פּיעסע. מלאך האָט אָבער נאָר געפּרובט. און — ס'איז איהם נישט איינגאַנצען געלונגען.

דער סוזשעט-המעשה פון דער פּיעסע איז אַזאַ: רחל'ע, אַ יונג יודיש מיידעל, האָט זיך בעקענט מיט אַ בחור, זיך פערליבט און מסכים געווען מיט איהם מיטצופאָהרען קיין אַרגענטינע. אין דעם נייעם לאַנד האָט זי זיך אָבער באַלד דערוואוסט, אַז איהר „חתן" איז נאָר אַ פרויען-הענדלער און אַז זי געפינט זיך אין אַ נעסט פון שאַנד און שמוץ. זי קען שוין אָבער נאַרגישט טון, געוואוינט זיך שנעל צו צו דער נייער ראָליע און שרייבט אַהיים צו איהר אַלטער מאַמע'ן און ברודער, אַז ס'איז איהר גוט און זי שיקט אַרויס ראָלאַרען. אין דעם „היועל" געפינט זיך רחל'ע (דאָ הייסט זי שוין ראָזאַ און שפּעטער — ראָזינאַ) אין אַ געזעלשאַפט פון אויסוואורפען, פרויען-הענדלער, מאַטראָזען, און אַלעמען מוז זי זיך איבערגעבען, אַפילו יום-כפּור צו כל-נדרי, ווען איהרע „באַלעבאַטים" דערשרעקען זיך און געהען אין זייער איינגענער שוהל בעטען נאָך פאַר „בעסערע געשעפטען" — אַפילו אין דעם הייליגען אָוועגד מוז רחל'ע פערברענגען מיט שיכור'ע מאַטראָזען.

פערליבט זיך אָבער אין ראָזע-ראָזינאַ אַן׳אַרטיגער קריסטליכער דאָקטאָר, אַ פאַרלאַמענט-רעפּוטאַט, (אַ גענער ?) און ער נעמט זי צו זיך אַהיים, כדי מיט איהר חתונה צו האָבען. רחל'ע פּרובט זיך אָפּטרייסלען פון איהר פערגאַנגענהייט, וויל ווערען אַ מיטגליד אין אָרענטליכע געזעלשאַפטען. אָבער דאָס געלונגט איהר נישט. איהר גאָהענטע פערגאַנגענהייט צואַמען מיט די געוועזענע חבר'טעס און באַלעבאַטים פערפאָלגען זי, זי בלייבט דעריבער צווישען צוויי וועלטען: אַ ריינער און אומריינער, פון דער ערשטער קען זי נישט אַרויס און אין דער צווייטער קען זי נישט אַריין, בעשליסט זי דעריבער: צוריק אין „היועל" אַריין. דאָ, און דער נעסט פון שמוץ נעמט מען זי אויף מיט אויסגעשטרעקטע אָרימס. אַ קרבן איז דאָרט שטענדיג ליב אָנגענומען.

דערוויל שטאַרקט זי דער קאַמף צווישען די ריינע יודען און די „טמאים", (דער ראָזינער קאַמף, וועלכער איז אין אַרגענטינע און בראַזיליען שוין דערגאַנגען צו אַ מאַסען-בעוועגונג, איז אויף דער ביהנע אַרויסגעקומען קוים דורך אַנדייטונגען) קיינער וויל מיט די „טמאים" נישט האָבען קיין בעציהונגען, מ'וויל אפילו נישט זיצען אין טעאַטער וואו עס שפּילט אַן׳אַקטיאָר פון „יענעם" חדר.

אַגב ברענגט דער ראָזינער אַקטיאָר (ה' ראַבּינאָוויטש) אַריין אַ סך הייטערקייט און סיילמאָל דערגעהט ער צו פיינעם, ריסקרעטען קאָמיזם.

די לאָדזער יודישע טעאַטער-טרופּע האָט די פּיעסע געשפּילט פערהעלטנישמעסיג גוט, יעדער אויף זיין שטייגער האָט מיטגעווירקט צום ערפאָלג, די רעזשי האָט אַרויסבעקומען פון דער פּיעסע דאָס בעסט'ע, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט.

די פּראָיעקט: נערה, נאַראַ-קאַרעני, קאָמפּאַניעיעץ בעזמאַן, פּאָרטמאַן און אַנדערע, אויך ה"ה: ראַ-קאָה, קאָמפּאַניעיעץ, האַמבּורגער, מאַכאַראָווסקי, און די איבריגע — האָבען זיך בעמיהט, אַז סלאַך'ס פּיעסע זאָל אויף די צושויער מאַכען אַ גוטען איינ־דרוק.

דער דירינענט ה' וועלמאַן האָט אילוסטרירט די פּיעסע מיט אַ פּאָפּורי פון יודישע נגונים.

מ. ע—ם.

Dr. Różaner

ספּעציאַליסט פאַר הויט-, ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע.

היילונג מיט קווארץ-שטראַהלען און דיאַטערמיע

DZIELNA 9 (Narutowicza), tel. 28-98

נעמט אָן פון 8—10 און פון 5—8, פרויען פון 3—4

וואַרטע זאַל פאַר פרויען.

פערקויפט זיין עולם-הבא.

ער האָט אָבער חרטה אויפ׳ן עסק.

איינער פון די גרעסטע אפּיקורסים אין זיין צייט איז געווען דער גרויסער פראַנצויזישער ליטעראַט וואָלטער. ער האָט גערערט אויף גאָט אָהן פּורא. פון רעססטווגען האָט ער איינמאָל איינגעשריבען די פאָלגענדע ווערטער:

„דער אומגליקליכסטער צווישען מענשען איז די הפקר-בריאה, וועלכע קאָן זיך קיינמאָל נישט איינרעדען, וואו זי איז אין דער וועלט. אַ מענש קאָן זיין אַ גלויביגער, אַ נישט-גלויביגער און אַ צווייפלער. דער גלויביגער, ווען ער וויל זיין גליקליך, מוז ער אויספאָלגען, וואָס דער גלויבען הייסט איהם: דער נישט-גלויביגער איז גליקליך דערפאַר, וואָס ער טוט, וואָס דער גראַדער פערשטאַנד דיקטירט איהם; דער צווייפלער זאָגט איינפאַך: „איך קאָן זיך נישט ענטשליסען צו טון, וואָס דער גלויבען שרייבט פאָר, ווייל איך צווייפעל, אויב דאָס איז אמת; דערפאַר טו איך, וואָס איך וויל, ווייל איך צווייפל, אויב דאָס איז אומרעכט“. עס איז אַפילו נישט גאַנץ גוט אַזוי צו זיין, אָבער דאָך איז עס נישט גאַנץ שלעכט. דער אומגליקליכסטער אָבער איז דער, וואָס גלויבט, אַז ער דאַרף טון, וואָס די רעליגיע בעפעהלט איהם, נאָר ער איז אַ הפקר-מענש און האַנדעלט אויף להכעיס. אָט דער איז אַ פערלוירענע בריאה, פעראורטיילט צו אומגליק און פערצווייפלונג“.

מיט אַ צייט צוריק איז געווען געמעלדעט וועגען איינעם, וואָס האָט אָפּגעקויפט ביי אַ צווייטען די עבירות, זיצענדיג ביי אַ קאָרטען-טיש, און פאַר דעם מסחר האָט ער געקראָגען געלד, דער קויפער, ווי עס שיינט, האָט זיך נישט פיל געקימערט וועגען דעם און האָט זיך אויך נישט דערשראָקען פאַר דער לאַסט פון די צו-צוגעקומענע עבירות, אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט וויסען איז געווען, אויב עס איז עהרליך צו נעהמען אַזאַ געלד.

די היינטיגע געשיכטע איז, אַלזאָ, פאַר אונז איצט נישט טויכטיג. זי איז שוין אַלט. אינטערעסאַנט איז אָבער פאָלגענדער פאַל:

זעליג ג. איז אַ סוחר, ער פערדינט זעהר ווייניג, נאָר פון זיינע פערדינסטען האָט ער אָפּגעשפּאָרט עטליכע דאָלאַר צו שיקען נאָך זיין ווייב און קינדער פון רוסלאַנד. פונדעסטוועגען, ווי עס שיינט, איז ער אַ סוחר, און אַז עס טרעפט זיך אַ מציאה׳לע, זאָגט ער זיך נישט אָפּ צו קויפען אַפילו מיט דעם געלד, וואָס ער האָט בעשטימט אויסצולייזען זיין פאַמיליע פון עלענד.

זעליג קומט אָפט אַריין צו זיין לאַנדסמאַן, ברוך ל. ברוך איז אַ וואויל׳ער יונג; ער האָט אין זיין לעבען נאָך נישט געלייענט, זעהר ווייניג געלערנט און נאָך ווייניגער נאָכגעקלערט וועגען גלויבען און נישט-גלויבען. אָבער ער געהט נישט אין שוהל, לאַכט פון די פרומע, מאַכט חוזק פון רעליגיע און דאַוונט נישט. פאַרוואָס זאָל ער עס יאָ טון? ער האָט גאַנץ פיינע געשפּעטען, און ער דאַרף גאַרנישט וואָס צו פערלאַנגען ביים רבונו-של-עולם, אין דער וועלכער צייט, נאַטירליך, שימפט ער אָפט אויף די „ציצילים״, וואָס ווילען זיך איינטייל׳ען (!) מיט „זיין“ פערמעגען.

אָט צו דעם ברוך׳ן איז זעליג אַריינגעקומען און געהערט ווי ער שילט גאָט, דעם צדיק און אַלעם וואָס איז הייליג ביי זעליג׳ן. דער לעצטער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און ברוך, לאַכענדיג, האָט פערקויפט זיין עולם-הבא צו זעליג׳ן פאַר 12 דאָלאַר מזומן געלד און איהם אויך אַריינגעגעבען בכתב וחתום, אַז זיין חלק שכר אויף יענער וועלט איז אָוועקגעגעבען מיט קנין און מיט מנין צו זעליג׳ן.

זעליג איז זיך אַוועק אַהיים גאַנץ צופריעדען מיט דער „מציאה“, וואָס ער האָט איינגעהאַנדעלט.

ברוך האָט דאַן, לאַכענדיג, דערצעהלט זיין פרוי, אַז ער האָט געמאַכט 12 דאָלאַר פאַר גאָר נישט. זיין פרוי איז בלאַס געוואָרען, זיין אַלטע מאַמע האָט געוויינט, זיין שוועגער-און-שווינער דאַבען דאָס געהערט און זיי זענען דערציטערט געוואָרען, ברוך האָט ווידער געלאַכט, נאָר שוין מיט — יאַשטשערקעס.

— מי יודע? אפשר איז דאָס טאַקע אַ פעהלער? וואָס דען לעבט אַ מענש אויף דער וועלט?

נאָך אין דעם זעלבען אָוונד איז ער אַוועק זוכען זעליג׳ן אויף זיין קוואַרטיר. זעליג איז אָבער אַוועקגעפאָהרען צו זיין אָנקעל אויף שבת. ברוך האָט נישט געקענט וואַרטען, ער איז נאָכגעפאָהרען און האָט געטראָפען זעליג׳ן. ער האָט איהם געוואָלט אָפּגעבען די 12 דאָלאַר, אָבער זעליג האָט די „מציאה“ נישט וועלען אָפּלאָזען. ענדליך, נאָך פיל תחנונים איז ברוך׳ן קוים געלונגען צוריקצוקויפען זיין עולם-הבא פאַר 30 דאָלאַר.

ער איז אַהיימגעקומען, געזיזען, אַז ער האָט אָפּגענומען דעם שטר-מכירה, געהייסען געבען בראַנפען, און אויפ׳ן אַנדערען טאָג האָט ער דיך איינגעקויפט אין שוהל, אין אַ ספרים-געשעפט האָט ער זיך געקויפט פאַר 16 דאָלאַר אַ טלית און תפילין, און ער האָט בעשלאָסען פון דאַן אָן און ווייטער צו זיין פרום מיט אַלע פּיטשעלעך.

ווען מיר בעטראַכטען די היינטיגע אינטערעסאַנטע געשיכטע, מוזען מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז וואָלטער האָט רעכט געהאַט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז „דער אומגליקליכסטער צווישען מענשען איז די הפקר-בריאה“.

און אַזאַ הפקר-בריאה איז דער מענש, וואָס לעבט ווי אַ חיה בצורת אדם; ער פעראַכטעט דעם גלויבען נישט ווייל ער איז איבערצייגט פון דעם געגענטייל, נאָר ווייל ער בעזיצט אין זיך די נאַטור פון אַ שייגעץ, אַ להכעיסניק; ער דענקט נישט אַפילו אויף אַ האָר, ווייל ער איז צו דום, צו נאַריש און האָט נישט צו זוכען, קלערען און פאָרשען און צו גערעכטפערטיגע זיין נישט-בעפאָלגען, וואָס די רעליגיע לערנט איהם.

דער סוף, נאַטירליך, פון אַזעלכע חברה איז צו ווערען פרום אויף דער עלטער; זיי ווערען פרום און ווערען גאָט׳ס כטראַפּטשעס... און ווען עס וואָלט נישט געווען קיין טראַגעדיע, וואָלט עס זיין אַ שעהנע קאָמעדיע. (נים).

יורידישע עצות.

אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג גיט די רעדאַקציע פון „נייעס פאָלקסבלאַט“ ענטוואָרטען אויף יורידישע פראַגען, וואָס ווערען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

8546. אַ שט. לעזער פון לאַגעווניצקא 31. זאָיב אייער דירה געהט 110 רובעל, דאַרפט איהר פאַר׳ן לויפענדען 4 טען קוואַרטאַל 1828 צאָהלען 55 פּראָצ. און אויפ׳ן חשבון פון די אויסגאַבען העכסטענס 3 פראָצ., וואָס בצטרעפט צוזאַמען 42 זל. 47 גר.

8547. אַ פצראינטערעסירטער

אַ חוב פאַר לעבענסמיטלען ווערט פריווילעגירט לגבי אַנדערע חובות. מען דאַרף זיך נישט פצררופען דוקא אויף פאָרמעלע געשעפטס-ביכער. פאַר אַ גענוגענדען בעווייז פון אַ חוב קאָן אַנערקענט ווערען אויך אַ געוועהנליך ביכעל אָבער נאָר דעמאָלט ווען יעדערע בעזונדערע פּאָזיציע ווערט בעשטעטיגט ווערען מיט דער אייגענהענדיגער אונטערשריפט פון בעל חוב.

8548. אַ לעזער פון קאָנסטאַנטינער 72. די קראַנקען-קאַסע צאָהלט 60 פראָצ. פון דער אַנגעגעבענער סומע אַרבייטסלוין.

8549. י. קאַלסקי.

8550. אַ טרייער לעזער פון פּאָלודניאָווע.

8551. גרשון ז.

וועגען אייערע ענינים מוזט איהר זיך פערשטענדיגען פערזענליך מיט אונזער יוריסט, טעגליך פון 3—4 מיטפערנאַנגעריג די צייטונג.

קופּאָן.

יורידישע אָפּטיילונג פון „נייעס פאָלקסבלאַט“.

דאָס דערלאַנגען אַן ענטפער אויף אַ יורידישע פראַגע, דאַרף דאַנקען דערויף באַצאָלט ווערען מיט דער דאָזיגן קופּאָן. אַזאַ ווערט ענטפערט ווערען אויף ענטפערען און קופּאָן, וואָס קען אויסער גנוס פאַסמען ...

גילטיג דעם 27-טען דעצעמבער 1928

8552. ש. פון גייער׳ס מאַרק.

בלויז אין פאַל, ווען דער פאָטער שטאַרבט געהט דאָס רעכט אויפ׳ן געשעפטס-לאָקאַל איבער צו די יורשים.

ביים לעבען אָבער האָט דער פאָטער נישט קיין רעכט איבער צוגעבען דעם לאָקאַל איינעם פון זיינע זוהן אָהן דער הסכמה פון הויזווירט, ווי מען זאָל דעם זיהן נישט וועלען בעטראַכטען, צי פאַר אַ סובלאָקאַטאָר צי גאָר פאַר אַ משפחה-גליד, ווי קאָן דער הויזווירט איינקלאָגען אויף אַנעקסמיסיע באַלד נאָכדעם, ווי דער פאָטער פערלאָזט דעם לאָקאַל.

8553. אַ לעזער פון מאַגיושקי.

ווצלענדיג סאָהרען אויף אַ ספּאָרט-קאָנגרעס וועט מען געבען אַ הנחה-פּאַס.

מען קאָן אָבער פון אייך פאָדערן אַ דעלעגאַטען-בעפאָלמעכטיגונג, אַ׳אײנלאָדונג עווענטועל אַנ׳אַנדערע בעשטעטיגונג.

8554. אַ לעזער פון גייער׳ס מאַרק.

איהר האָט דאָס רעכט אויף אַ 3 חדשים׳דיגער קינדיגונג. איהר זענט אויך בערעכטיגט צו מאָהנען אַנ׳ענטשעדיגונג אין דער הויך פון 1 חודש-דיגען אַרבייטס-לוין פאַר׳ן נישט אויסגענוצטען אורלויב.

דער פאָרוואורף וועגען נישט עהרליכע אויפפיהרונג גיט טאַקע אַ גענוגענדען גרונד פאַר אַ קינדיגונג אָהן אַ פריהערדיגען אָפּזאָג, אָבער נאָר דעמאָלט, ווען ער שטיצט זיך אויף אַ קאָנקרעטען פאַקט פון מיטבראַוך און נישט בלויז אויף אַ געוועהנליכען פערדאַכט. ווי ס׳זאָל אָבער נישט זיין קאָן אַזאַ קינדיגונג אָנערקענט ווערען פאַר געזעצליך נאָר דעמאָלט ווען זי קומט פאָר דירעקט ביים בעגעהן אָדער ענטדעקען דעם פערברעך.

אַזוי ווי אייך האָט מען אָבער געקינדיגט ערשט אין 5 חדשים נאָך דעם פאַל, קאָן די קינדיגונג נישט בעטראַכט ווערען פאַר אַ פּועל-יוצא פון יענער מיסבראַוך און דעריבער האָט איהר יאָ דאָס רעכט אויף אַנ׳ענטשעדיגונג.

מאָראַל-היטער אין אַמעריקאַ

וואָס שמייסען פרויען און טעראָריזירען מענער.

ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז אין אַמעריקע עקזיסטירען נאָך שטעדט און שטעטלעך, וואו גאָט׳ס סטראַפּשעס נעהמען דאָס געזעץ אין זייערע הענד, און פיהרען אָן אַ „יאַגד“ נאָך פרויען און מענער, וואָס זענען לויט זייער מיינונג, נישט פרום גענוג, אָדער נישט מאָראַליש גענוג. אָבער דער אמת איז, אַז עס זענען דאָ הונדערטער אַזעלכע שטעטלעך אין פערשידענע שטאַטען פון לאַנד און הויפּטזעכליך אין דרום און אין דער וועסט.

מיט איינגע טעג צוריק איז אין הושאָרדושיא פאָרגעקומען אַ געשיכטע, וואָס האָט אויפגערעגט דעם גאַנצען שטאַט. אַ יונגע פרוי מיט דעם נאָמען הילדאַ ראָשענינגס איז אַ וואָך נאָך איהר חתונה נעגאַנגען אין גאַס, ווען פּלוצלונג איז זי בעפאַלען געוואָרען פון אַ גרופּע מאַסקירטע מענער. מען האָט איהר אַריינגעוואָרפען אין אַנ׳אויטאָמאָביל און מען האָט איהר אַרויסגעפיהרט אונטער׳ן שטאָדט און דאָרט האָט מען אָנגעצונדען אַ גרויס פייער און ביי דעם פייער האָט מען איהר געשטעלט צום פּראָצעס.

די קלאַגע געגען איהר איז געווען, אַז זי האָט פערנאַרט איהר מאַן, וועלכער האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט אַנ׳אַנדער מיידעל פון שטעטעל, אַז ער זאָל נאָר מיט איהר הייראַטען. עס האָט געהייסען אַז דאָס מיידעל, מיט וועלכער איהר מאַן האָט געוואָלט חתונה האָבען, איז אַנ׳עלטערע מויד און אַז איינגע יאָהר צייט האָט זי נעפיהרט אַ בעקאַנטשאַפט מיט ראָשענינגס׳ן און ער האָט איהר געהאַט צוגעזאָגט צו הייראַטען. וועגען דעם האָט זיך דערוואוסט, זי, די אָנגעקלאַגטע, און זי האָט מיט פערפיהרערישע רייד׳לעך און מיט איהר שעהנעם יונגען פּנים׳על איהם פערנאַרט און דער סוף איז געווען, אַז ער איז געוואָרען אין איהר פערליבט און מיט איהר חתונה געהאַט.

עס זענען אויפגעטראָטען מאַסקירטע עדות געגען איהר, וועלכע האָבען דערצעהלט, אַז ראָשענינגס אַליין האָט זיי דערצעהלט, אַז זיין פרוי איז אַ מערקווירדיגע ליבהאָבערין און אַז ער האָט איהר נישט געקאָנט ביישטעהן איהר ליבע. עס איז אויך אויפגעטראָטען איין עדות, אַ פרוי, וועלכע האָט געשוואָרען, אַז זי ווייס, אַז די אָנגעקלאַגטע האָט שוין איינגע מאָל פריהער פרובירט פערנאַרען מענער זיך צו פערליבען אין איהר. די אָנגעקלאַגטע פון נפשא האָט געלייקענט אַלץ, וואָס מען האָט וועגען איהר געזאָגט. זי האָט דערצעהלט, אַז זי ווייס פון קיין שום זאַך נישט צו זאָגען. ראָשענינגס, איהר מאַן, הייסט עס, האָט איהר ליב און ער האָט איהר ליב געהאַט זייט אַנדערטהאַלבען יאָהר און — אומגליקליכערווייזע פאַר איהר — האָט זי אויסגעשריען, אַז קיינער קאָן איהר נישט פערהערען צו ליבען וועמען זי וויל און קיינער קאָן איהר מאַן נישט צווינגען צו ליבען וועמען ער וויל נישט.

אויב זי האָט נאָך געהאַט אַ מעגליכקייט זיך צו רעטען מיט גאַנצע ביינער, האָט דער אויסגעשריי איהרער די מעגליכקייט צוגענומען. איינגע מענער זענען אויף דעם בעפעהל פון אַ פיהרער, אַ הויכער, געזונטער מאַן אַרויסגעטראָטען צו דער פרוי און איהר אָנגעהויבען שלאָגען מיט בייטשען און מיט קאָנטשיקעס. די אומגליקליכע פרוי האָט געוויינט און געיאָמערט. מען האָט איהר פערשפּאַרט דאָס מויל און מען האָט איהר צוקיילט און צובייטלט. עס ווערט בעהויפּטעט, אַז מאַנכע פון די מענער, האָבען איהר געהאַלטען ביי די פיס, און מאַנכע ביי די הענד און איין פרוי האָט מיט אַ נאַנייקע איהר געשמיסען און איבערגעלאָזען כאַסען אויף איהר קערפּער.

נאָכדעם האָט מען איהר אָוועקגעפיהרט צוריק אין שטאָדט און מען האָט איהר איבערגעלאָזען נישט ווייט פון איהר הויז און אין דער פינסטערניש זענען זיי אַלע פערשוואונדען. זי איז קוים צוגעקראָכען צו דער טיר, און ווען איהר מאַן האָט איהר געפּעגט איז זי אָוועקגעפאַלען אין חלשות און מען האָט געדאַרפט ברענגען אַ דאָקטאָר צו איהר. איינגע וואָכען איז זי געווען קראַנק און די דאָקטוירים זאָגען, אַז זי וועט פערבלייבען אַ נערוועזער שאַרבען אויף איהר גאַנצען לעבען.

די דאָזיגע סקאַנדאַליעזע געשיכטע האָט אַלעמען אַזוי אויפגערעגט, אַז די בעהערדע צו מאַכען אַ סוף צו די מאַסקירטע גאַסס סטראַפּשעס, האָט זיך פערשפּרייט אין אַנדערע שטאַטען אויך. מען מוז מאַכען אַ סוף צו אומבעבעטענע מאָראַל-היטער, אין די מיינונג אין פערשידענע טיילען פון לאַנד. עס זענען אָפּגעהאַלטען געוואָרען מאַסען-פערזאַמלונגען און מען האָט געפאָדערט, אַז די רעגירונגס-באַאַמטע זאָלען אָנגעהמען ערנסטע מיטלען צו דערגעהען ווער עס זענען דאָס די פיהרער פון די נעהייטע געזעלשאַפטען, וואָס רעגיען, אַז זיי זענען געזעצגעבער פון געזעץ, און אַז זיי קאָנען טון אַלעס, ווינג וואָס זיי ווילען.

מיט אַ יאָהר צוריק איז געווען געמעלדעט אַזאַ געשיכטע, אַז אין שטאַט אַלאַבאַמאַ זענען אַ גרופּע מאַסקירטע מענער אַריין אין אַ הויז פון אַ יונגער אַלמנה און איהר נעבונדען די הענד מיט די פיס, און איהר אַוועקגעלייגט אויף אַ וואַגען, איהר אַוועקגעפיהרט ווייט-ווייט צו אַ זומפּ און דאָרט איהר איבערגעלאָזען. זיי האָבען איהר געזאָגט, אַז זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז זי שפּילט אַ ליבע מיט אַ פערהייראַטען מאַן אין שטעטעל און דאָס איז אַ וואָרנונג, אַז אויב זי וועט נאָך אַמאָל זיך זעהן מיט דעם מאַן, וועט מען איהר אַריינוואַרפען אין זומפּ און זי וועט דערטרונקען ווערען. אַ האַלבען טאָג איז די פרוי געלעגען ביי דעם זומפּ איידער מען האָט איהר דאָרטען געפונען און מען האָט איהר געבראַכט אַהיים.

אָבער מען דאַרף נישט מיינען, אַז נאָר אין דרום און אין דער וועסט שפּילען זיך אָפּ אַזעלכע ווילדע געשיכטעס. אַפילו אין די ציוויליזירטע שטאַטען, אַפילו אין פּענסילוואַניען און אין ניו-יאָרק שטאַט קומען פון צייט צו צייט פאָר אַזעלכע אומגלויבליכע זאַכען. אָט איז מיט אַ געוויסער צייט צוריק פאָרגעקומען אַזאַ סקאַנדאַל. אין אַ שטעטעל אין פּענסילוואַניע-שטאַט. צוויי שוועסטער, וועלכע זענען געווען פרייגעזאָגט, און האָבען נישט געגלויבט אין גאָט און אין דער קירכע, זענען גענומען געוואָרען געפאַנגען פון אַ גרופּע מענער און פרויען און געשטעלט געוואָרען צו אַ פּראָצעס אויף דער קלאַגע אַז זיי זענען אויסגעלאַסענע און אַז זיי ווילען צושטערען די מאָראַל פון די שכנים זייערע.

די מיידלעך האָבען געלייקענט שטיין און ביין און דער פאַקט איז, אַז עס איז נישט געווען קיין שום בעשטעטיגטע בעווייזען געגען זיי. קיינער האָט נישט געמאַכט קיין אונטערזוכונג וועגען דעם, און קיינער האָט נישט געהאַט קיין פאַקטען, אַז זיי זענען ווירקליך אויסגעלאַסענע. דאָס האָט אָבער די פאַנאַטיקער נישט צוריקגעהאַלטען. זיי זענען די מיידלעך בעפאַלען מיט אַ ווילדער רציחה און זיי געשלאָגען „שוואַרץ און בלוי“, ווי דאָס ווערטעל זאָגט. די מיידלעך, ביידע זעהר אינטעליגענטע, האָבען שפּעטער דערצעהלט, אין דער פּאָליציי, אַז זיי זענען איבערצייגט, אַז די שלעגער זייערע האָבען גרויס הנאה געהאַט, ווען זיי האָבען געזעהן, ווי זיי האָבען געליטען. איינע פון זיי, פלאָרענס סקאָט, האָט געזאָגט: „איך בין איבערצייגט, אַז זיי זענען סאַדיסטען. זיי האָבען געשפּרונגען פון פרייד, ווען איך האָב געוויינט און געשריגען פון די קלעפּ, וואָס זיי האָבען מיר געגעבען. צוויי פון די מענער, בין איך זיכער, זענען אַליין אומאַראַליש, ווייל זיי האָבען נישט אַנדערש געהאַנדעלט ווי אַרונטעררייסען די קליידער פון מיין קערפּער. נאָר אַנ׳עלטערער מאַן האָט זיך אַריינגעמישט און זיי נישט געלאָזען דאָס טון“.

עס איז שוין פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז אין איינגע שטאַטען, אַז די מאַסקירטע באַנדעס זענען נישט אָרגאַניזירט אין אַנ׳אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע עס איז מעהר אַ מין אַנשטעקענדע קראַנקהייט, אַ מגפה אַזאַ, וואָס פערשפּרייט זיך פון שטעטעל צו שטעטעל.

עס פּאַסירען אויך פאַלען, ווען מען רעכענט זיך אָפּ אויף אַזאַ שטייגער מיט מענער. ווען נישט ווען נעהמען אין אַזעלכע איבערפאַלען אויך אַנטייל פרויען. אין טעקסאַס האָט מען אַ מאַן אַרויסגעפיהרט פון אַ שטעטעל און מען האָט זיין קערפּער איינגעשמירט אין סמאָלע און דאַן האָט מען איהם אונטערגעצונדען, אין דער צייט, וואָס די סמאָלע האָט געברענט און האָבען געוואָרען אויף זיין קערפּער, האָבען די מענשען געטאַנצט און געזונגען רעליגיעזע לידער. עס פערשטעהט זיך, אַז ווען זיי האָבען איינגעזעהן, אַז זיין לעבען איז אין געפאַהר, האָבען זיי אויסגעלאָשען דעם פייער, אַלע-פאַלס האָט דער מאַן געדאַרפט ליגען צוויי חדשים אין בעט איידער ער איז געזונט געוואָרען. די קלאַגע געגען איהם איז געווען, אַז כאָטש ער איז אַ פערהייראַטער, האָט מען איהם געזעהן אַרויסגעהן שפּעט ביינאַכט פון דעם הויז פון אַ פערהייראַטער פרוי, אין דער צייט, ווען איהר מאַן איז געווען אויסער שטאָדט צוליב געשעפט. דער מאַן האָט געטענה׳ט אַז ער האָט קיין זאַך נישט געטון, אַז ער האָט גערערט מיט איהר וועגען אַ וויכטיגען ענין און אַז די מעהרסטע צייט זענען דער פרוי׳ס איינגענע צוויי קינדער געווען דערביי. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפען און ער האָט דאָס בעקומען זיין שטראָף.

די לאַגע איז געוואָרען אַזוי ערנסט די לעצטע צייט, אַז די גאָווערנערס פון פערשידענע שטאַטען פיהלען, אַז מען מוז אָננעהמען ראַדיקאַלע מיטלען, געגען די דאָזיגע באַנדעס און ווערט אַפילו בעהויפּטעט, אַז די קו-קלוקס-קלאַן און אַנ׳אַרויסגעטראָטענע זענען די שמעטערען. זיי זאָגען, אַז דעם זיינען גאָר אַזאַ זאַך פּאַסירט, וואָרפט מען די שולד אויף זיי, כאָטש זיי האָבען גאָר קיין שום שייכות נישט צו דעם. מיט אַ געוויסער צייט צוריק איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון איינגע גאָווערנערס פון צאַנציג שטאַטען, כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסצוראָטען די גאַס-סטראַפּשעס.

— ער—.

די אַרבייט פון יודישער טעאַטער-לעקסיקאָן.

(אַ שמועס מיט׳ן רעד. זלמן זילבערצווייג).

ווי מיר האָבן שוין געשריבן, פאָהרט די טעג צוריק קיין אַמעריקע זלמן זילבערצווייג ארויס־צוגעבן דאָרט זיין „לעקסיקאָן פון יודישן טעאַ־טער", פאַר וועלכן ער האָט זעקס חדשים געקלי־בן מאַטעריאַלן אין איראָפּע.

מיר האָבן געהאַט מיט ה׳ זילבערצווייג אַ שמועס וועגן די רעזולטאַטן פון זיין אַרבייט אין איראָפּע, און דערך אַגב טאַקע וועגן „לעקסיקאָן" גופא.

תיכף ווי מיר האָבן אָנגעהויבן דעם שמועס, האָט זילבערצווייג פערלאַנגט, אַז מען זאָל קודם־כל בעריהרען דעם ענין, וואָס איז שוין מעהר קיין ספק נישט: די פראַגע צי ער איז ראוי צו זיין דער רעדאַקטאָר פון „לעקסיקאָן".

זילבערצווייג האָט זיך וועגן דעם אַרויסגעזאָגט אויף פאָלגענדיגן אופן:

— בײַ מיר איז דער „לעקסיקאָן" אַ חלום פון כמה יאָהרען, אַ פיקס־אידעי, פאַר וועלכער איך האָב מקריב געווען מיין זשורנאַליסטישע קאַריע־רע. מיין היים און פאַמיליע, און איך רעד וועגן מיין ווערק מיט אַזאַ התלהבות און פייער, אַז אַלע שוועריגקייטען האָבן עס נאָך נישט געקאָנט אָפּקיה־לען. איך בעמערק זעהר אָפט, ווי מיינע צוהערער סיי פון לעזער־עולם, סיי פון די ליטעראַרישע קרייזען, קוקען אויף מיר ווי אויף אַ מאַניאַק, און צו מאַניאַקען האָט מען זעהר קנאַפּען צוטרוי. מען האַלט, אַז דער „לעקסיקאָן" איז בײַ מיר אַ קאַפּ־ריז, נישט אַן אויסדרוק פון מיינע שטרעבונגען און פעהיגקייטען. איך זעה אָפט ווי מען הערט מיך יוצא־אוים. מען באַמקעט מיר צו, אָבער נאָכ׳ן אַוועק־געהן פיהל איך, אַז מען האָט זיך נישט איבער־צייגט אין דעם, וואָס איך האָב גערעדט. אַזוי האָט מען לכתחילה געהאַט אין אַמעריקע ספקות אין דער פינאַנציעלער זייט פון דער אונטערנעהמונג. מען האָט געהאַלטען, אַז דערצו דאַרף מען האָבען קאָמיטעטען פון כלל־טוער מיט אויפרופען צום פאָלק. ערשט ווען איך האָב אַלץ אַליין דורכגעפיהרט בלויז אונטער׳ן שוץ פון אַ קאָמיטעט פון אָנגע־זעהענע טעאַטער־לייט (ווי מאַקס נעבעל, יעקב קאַ־ליך א. אַ.) ווען איך האָב געשאַפען 5000 דאָ־לאַר צווישען אַקטיאָרען און פּריוואַטען עולם. אַרום־פאָהרענדיג איבער אַמעריקע און קאַנאַדע, האָב איך געמאַכט די יסקעפּטיקער גלייבען. און איראָ־פּע, וואו מען איז בכלל געוואוינט ווייניגער צו אַר־בייטען, האָט מען ווידער נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די מאַטעריאַלען וועלכע איך קלייב. דאָס איז אַ ענין פאַר אַ מנין מענשען — האָט מען גע־טענה׳ט. אָבער איצט, ווען עס קומען צו מיר ציי־טונגס־מענשען, און זעהען וואָס איך האָב אַליין צו־נויפגעקליבען און לויט וועלכען סיסטעם עס איז אַלץ געאָרדענט, איז מען זיך פאַר מיר מודה, אַ זמען האָט אומבעגרינדעט נישט געהאַט צו מיר קיין צוטרוי אַלס זאַמלער פון די מאַטעריאַלען.

איך זאָג, אַז איך זעה נישט אין דער גאַנצער יודישער ליטעראַריש־טעאַטראַלער וועלט קיין איין בערואָן, וואָס זאָל מיך קאָנען אַריבערשטייגען אין רעדאַגירען און צוזאַמענשטעלען (איך בעטראַכט דאָס ווי איין זאַך) דעם „לעקסיקאָן". פערשטעהט זיך, אַז איך וועל די גאַנצע אַרבייט נישט טון אַליין אַליין, מחמת עס איז פשוט טעכניש נישט מעגליך. אַוודאי וועלען זיין טעותים און גרייזען. איך האָב דאָך פאַר מיר אַ תורה שבעל פה, פון וועלכער איך וויל מאַכען אַ שבכתב. טייל אַקטיאָ־רען גיבען בשוגג אַן פאַלשע דאַטען. זיי געדענקען נישט, זיי האָבען נישט געהאַוסט, אַז עס וועט אַמאָל קו־מען אַ צייט ווען מען וועט דאָס דאַרפען וויסען. אָבער דאָס יודישע טעאַטער (גאָלדפאַדענס) איז אינגאַנצען אַלט 52 יאָהר, איך בין שוין 18 יאָהר פערבונדען מיט׳ן יודישען טעאַטער. היינט צו טאָג האָב איך זיך פּערזענליך בעקענט און נעזעהען שפּילען מעהר ווי 80 פּראָצענט יודישע שוישפּילער איבער דער גאַנצער וועלט. עס קומט אַלזאָ אויס, אַז איך האָב אין מיין האַנד דעם פאַדעם פון יודי־שען טעאַטער פון זיין ערשטען טאָג ביז היינט. אָבער אויסערדעם האָב איך אין אַמעריקאַ צוהילף אַ קאָ־מיטעט פון 3 פערזאָן, וועלכע וועלען קאָנטראָלירען די מאַטעריאַלען. דאָס זענען: ראובן ווייסמאַן, דער פאָטער פון דאָראַ ווייסמאַן, דער עלטסטער יודישער סופלער און דראַמאַטורג, וואָס האָט געקענט דעם ערשטען דור יודישע שוישפּילער אין איראָפּע און אין אַמעריקאַ. יצחק לעש, וועלכער קען די גאַנצע נייע פּלעיאַדע אין אַמעריקאַ, און אונזער גוט בעקאַנטער יעקב מעסטעל, וועלכער קען די יונגע גע־נעראַציע אין איראָפּאַ און אַמעריקאַ. אויסערדעם האָב איך מיך שוין געשטעלט אין פערבינדונג מיט אַ רייה טעאַטער־עסקנים, וועלכע וועלען שרייבען מאָנאָגראַפיעס וועגען געוויסע שוישפּילער און דראַ־מאַטורגען, וועלכע זענען זיי פערזענליך נאָהענט. דערביי וועלען זיי זיך בעדינען מיט די מאַטעריאַלען, וועלכע איך האָב געזאַמעלט. אַלזאָ, וועט מיין טאַטע אַלס רעדאַקטאָר האָט נערולר ביז דער „לעקסיקאָן" וועט דערשיינען.

— וואָס פאַר אַ מאַטעריאַלען האָט איהר געקליבען אין איראָפּע?

— מיין ערשטער אָפּשטעל איז געווען אין לאָנדאָן: דאָרט האָב איך געפונען איניגע עלטע־רע פערזאָנען, וואָס זענען געווען פערבונדען מיט׳ן יו־דישען טעאַטער, ווי פּראָפ. שמויב, יצחק פערקאָף, און דזשעני קייזער. זיי, דער רעדאַקטאָר פון „די צייט", מאָריס מייער, און די אָרטיגע יודישע שוי־שפּילער, האָבען מיר געליפערט זעהר פיל מאַטעריאַל וועגען די ערשטע יודישע אַקטיאָרען אין לאָנדאָן, די היינטיגע, און ידיעות צו דער געשיכטע פון דעם יודישען קונסט־טעמפּעל אין לאָנדאָן, אין וועלכען מען האָט צום ערשטען מאָל מיט ווינאָגראַדאָוו׳ן אויפגעפיהרט אָפּערעס אין אַ ריינעם יודיש.

אין פּאַריז האָב איך געזאַמעלט מאַטעריאַלען וועגען די יודישע אַקטיאָרען, וועלכע שפּילען איצט דאָרט, און אויך וועגען אַ י. ל. פּרץ־טעאַטער, וואָס האָט דאָרט עקזיסטירט.

אין פּוילען האָב איך זיך פערבונדען מיט׳ן פּראָפ. יודישען אַרטיסטען־פעראיין. עס איז גע־וועהלט געוואָרען אַ ספּעציעלער קאָמיטעט (די שוי־שפּילער יצחק נאָזשיק, דוד לערערמאַן און זישע קאַץ), וועלכער פיהרט אָן מיט אַלע ענינים. אין פּוילען האָב איך אַ חוץ די מאַטעריאַלען וועגען די לעבעדיגע אַקטיאָרען, די „ווילנער טרופּע", די קליי־נע קונסט־ביהנעס, אויך זעהר פיל געזאַמעלט וועגען בראָדערזינגער טאַקע פון בראָדערזינגער גופא.

אין רומעניען, דאָס געבוירן־אָרט פון יו־דישען טעאַטער, האָב איך אַ דאַנק די אָרטיגע על־טערע שוישפּילער גאָלדענבערג, אַשכנזי, דעם היסטאָ־ריקער באַרבו לאַריאַנו, און דעם בראָדזינגער לודמיק, געזאַמעלט זעהר פיל מאַטעריאַלען צו דער גרינדונג פון יודישען טעאַטער, דאַטען וועגען די ערשטע אַקטיאָרען, איבערזעצונגען פון יודישע פּיע־סען אויף רומעניש, און ביאָגראַפיעס פון אָרעסטער פאָלקס־זינגער.

אין בערלין האָב איך געזאַמעלט בײַם מאַסקע־ווער יודישען מלוכה־טעאַטער זיין געשיכטע און די ביאָגראַפיעס פון זיינע שוישפּילער.

אין ווין האָב איך נאָך געפונען איניגע בראָ־דערזינגער, און פון זיי געזאַמעלט נייע דאַטען, ווי אויך די געשיכטע פון דער „יודישע פּריי׳ע פאָלקסביה־נע". און די ביאָגראַפיעס פון די יודישע אַקטיאָרען אין עסטרייך־אונגאַרן און טשעכאָ־סלאָוואַקיע.

אין לעטלאַנד האָב איך אַ חוץ די ביאָגראַפיעס פון די אָרטיגע אַקטיאָרען, אויך פערשריבען די געשיכטע פון דאָרטיגען יודישען טעאַטער, וועלכעס בעקומט אַ מלוכה־סובסידיע, און געזאַמעלט די גאַנצע פּרעסע און בראָשורען וועגען קאַמף צווישן די אָרטיגע יודישע טעאַטערס, וואָס האָט געהאַט אַ אָפּקלאַנג אין דער גאַנצער וועלט.

מיין כונה איז אויך געווען צו בעזוכען ראַטען־רוסלאַנד. ערשטענס האָט דאָרט גאָלדפאַדען באַלד נאָך רומעניען געמאַכט זיינע ערשטע פּרובען, צווייטענס זענען דאָרט פערהאַן אַ סך עלטערע אַקטיאָ־רען און, דריטענס איז דאָרט פערהאַן אַ גאַנץ נייער דור אַקטיאָרען און דראַמאַטורגען. אַלע מיינע בעמיהונגען, אַפילו פּראָטעקציעס, האָבען נישט געהאַט קיין ווירקונג. מען האָט מיר צוויי מאָל אָפּגעזאָגט די וויזע, און אויב עס וועלען אין „לעקסיקאָן" פעהלען דאַטען וועגען די יודישע אַקטיאָרען אין ראַטען־רוסלאַנד, וועט איצט די שולד פּאָלשטענדיג פאַלען אויף דער יעווסעקציע.

— וואָס גרייט איהר זיך איצט צו טון?

— איך פאָהר די טעג אָפּ קיין אַמעריקאַ. אויפ׳ן וועג וועל איך זיך נאָך אָפּשטעלען אין בעד־לין, מעץ, פּאַריז און לאָנדאָן, וואו עס וועלען איינגעאָרדענט ווערען אַקאַדעמיעס, אויף וועלכע איך רעפערירע די געשיכטע פון יודישען טעאַטער, און די אַקטיאָרען אילוסטרירען מיין רעפעראַט. די דאָזיגע אַקאַדעמיעס האָבען אומעטום איבער־געלאָזט אַ גרויסען רושם. אין רומעניען האָבען זיי אַריינגעבראַכט אַ סך לעבען אין דאָרטיגען פערשלאָפענעם יודישען וועלטעל. סוף יאַנואַר רעכען איך צו זיין צוריק אין אַמעריקאַ, און תיכף וועל צוטרעטען צו דער אַרבייט. דער קאָמיטעט בײַם אַמעריקאַנער יודישען אַרטיסטען־פעראיין וועט זיך נעהמען שאַפען די נויטיגע געלד־מיטלען, און איך וועל זיך זעצען צום שרייב־טיש. אַדרבא, ניט אַ קוק אויף מיינע פעקלעך, וועלכע איך פיהר מיט. אַ חוץ די, וועלכע איך האָב שוין ליגען אין אַמעריקאַ.

און, אַז מיר וועלען לעבען, וועלען מיר אין 6—7 חדשים אַרום (פערגעסט נישט, אַמעריקאַ־נער טעכניק!) האָבען דעם „לעקסיקאָן" — און רעמאָלט מיט׳ן גרעסטען כבוד — רעכאָלט, וועט די קריטיק האָבען דאָס וואָרט!

כעמיש-באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע
מאַגיסטער נ. שאַץ
פּעטריקאָווער 37, 2. שט., פראָנט.
אַנאַליזען פון קויל, אורין, לייכעק א. אַז. וו.
אורין־אַנאַליז - 4 זל.

„צום קאַרנאַוואַל"
עמפּפעהלט איך דער געעהרטער קונדשאַפט די נייעסטע
פראַנצויזישע פּערפומען, טואַלעט־זייפען,
פּודער, קעלנישע בלומען־וואַסערן
ווי אויך אַ רייכען אויס־וואַהל פון אַלער אַרט קאָסמעטיק
צו שטױנענד ביליגע פּרייזען.
Perfumerja J. DRUKIER
ZAWADZKA 11, tel. 75-92.
פאַר ענגראָסיסטען — ראַבאַט. פאַר ענגראָסיסטען — ראַבאַט.

Dr. H. WOŁKOWSKI
צעגעלניאַנאַ 25, טעל. 26-87
ספּעציעל אַרצט פאַר הויט און ווענע־רישע קראַנקהייטען, מענער־שוואַכע. אַלע אורין אַנאַליזען, באַהאַנדלונג מיט קוואַרץ־שטראַהלען.
אָרדינירט פון 8—10 פריה, 12—2 נ.מ. און פון 4—8 אָוו.

דער שוואַרצער וואָלף

(29 (ראָמאַן).

לויט ליליס טאָן איז געווען צו פערשטעהן, אַז זי האָט נישט געוואָלט פאָרזעצען דעם גע־שפּרעך אויף דער דאָזיגער טעמע.

וולאַדעק האָט אָבער בעשלאָסען נישט אָפּצו־טרעטען.

— איך פערשטעה... דערלויבט מיר, אייך צו ווינשען אַ גליקליכע רייזע, פריילין דזשייקאָבס... און אויסדריקען מיין בעדויער, וואָס די אומשטענ־דען האָבען אייך געצוואונגען צו ענדערען דעם פריהערדיגען פּלאַן.

דאָס מיידעל האָט אונגעשלאָסען אַ קוק בע־טון אויף איהם, פּונקט זי וואָלט ביי זיך געפרעגט, וואָס, אַ שטייגער, ווייסט ער וועגען איהרע פּלע־נער, און דערנאָך געווענדט די בליקען אין דרוי־סען.

די דראָשקע האָט זיך אויף וולאַדעק׳ס בע־פעהל אָפּגעשטעלט בײַם פּאָסט־אַמט, וואו ס׳האָט אַ גאַנצע נאַכט דיזשורירט דער טעלעגראַף.

— דאָ גיי איך אַרויס, — האָט וולאַדעק אַ זאָג געטון — דער דראָשקעזש וועט אייך אָפּפיה־רען גלייך אויפ׳ן וואָקזאַל. פאַר׳ן וועג האָב איך איהם שוין בעצאָהלט, אַזוי אַז איהר דאַרפט זיך נישט מטריח זיין. ניין... דאַנקט מיר נישט... איך בין גליקליך, וואָס איך קאָן אייך מיט עפּעס צו דינען, פריילין דזשייקאָבס... האָט מיר אַלדאָס גוטס!... אַדיע!

דאָס מיידעל האָט איהם אומזיכער אויסגע־שטרעקט איהר האַנד.

— איך דאַנק אייך, הער לעמאַן. — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט — מיר פערדריסט באמת...

וולאַדעק האָט איהר אָבער נישט געלאָזט ענ־דיגען.

ער האָט באַלד אַ דריק געטון איהר צאַרטע האַנד, און איז אונטער׳ן רעגען, אַריינגעלאָפען אין טעלעגראַף.

די רעטעניש, וואָס דאָס יונגע מיידעל האָט איהם פערגעבען, האָט אַזוי פערנומען זיינע רעיו־נות, אַז ער האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג געקאָנט צונויפשטעלען אַ דעפּעשע צו ראַדזשינסקי׳ס פריינד אין דער פּאָליציי — ד. ה. צו דעם זעלבען פער־שוין, וועלכער האָט זיך צוזאַמען מיט ראַדזשינ־סקי׳ן איינגעקוקט און די אָנקומענדע פּאַסאַזשירען אויפ׳ן הויפּט־וואָקזאַל.

וולאַדעק האָט אָנגעשריבען אויף רוסיש דעם טעקסט פון דער דעפּעשע, און דערלאַנגט זי דעם דיזשורי צו אָן בעאַמטען.

אין דער דעפּעשע איז געשטאַנען:

„איך בעט תיכף צו קומען צו מיר אין האָ־טעל „פּאַריזיען". געהט אַריין צו מיר מיט׳ן שכנות־דיגען צימער. עס קומען פאַר וויכטיגע זאַכען. איילט זיך צו. ראַדזשינסקי".

צי דער בעאַמטער האָט יאָ פערשטאַנען, צי נישט פערשטאַנען די דעפּעשע — דאָס איז נישט וויכטיג. ער האָט אפילו נישט אַ קוק געטון אויף וולאַדעק׳ן, און גלייכגילטיג אָפּגענומען בײַ איהם דאָס געלד.

וולאַדעק האָט אָבער נישט געקאָנט זעהן, מיט וואָס פאַר אַ נייגעריגע און אויפמערקזאַמע אויגען דער זשאַנדאַר בעאַמטער האָט איהם בעגלייט צום אַרויסגאַנג.

וולאַדעק איז געגאַנגען אַ זיכערער, אַז ער איז קובר זיין פערגאַנגענהייט, און האַלט בײַם אָנ־הויבען אַ ניי לעבען אונטער אַ נייעם נאָמען.

ער וואָלט נישט געהאַט קיין מנוחה, ווען ער וואָלט נישט דורך זיין דעפּעשע פערזעהן, אַז די פּאָליציי זאָל אַרעסטירען דעם מערדער.

איצט, ווייסענדיג, אַז פּאָליציי וועט נישט פערזוימען צו קומען אויפ׳ן אָרט פון פערברעכען, האָט ער זיך נישט געזאָרגט, אַז פאַר ראַדזשינ־סקי׳ן וועט קומען די ריכטיגע נקמה.

מ׳האָט אָבער געמוזט פערווישען די שפּורען, וואָס האָבען געפיהרט צו איהם, אַלט אָנגעבער פון דער דעפּעשע.

בײַ איהם איז גרייט געווען אַ פּלאַן.

עפענענדיג די טיר, איז ער אַרויס אין רע־גענדיגען דרויסען, און איז גלייך אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק.

צום פּאָסט־אַמט איז צוגעפאָהרען די פריהער־דיגע דראָזשקע, און לילי דזשייקאָבס, האָט אויס־געקוקט אויף זיין אַרויסגאַנג.

ער האָט זיך געקליבען גוט אויסצוזידלען, און פערבייגעהן, מאַכענדיג דעם אָנשטעל, אַז ער זעהט נישט דאָס מיידעל.

ער האָט עס אָבער נישט געהאַט די דרייסט־קייט צו טון.

נישט ווייט איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט, און ער האָט געקאָנט בעמערקען די סצענע.

בעמיהענדיג זיך צו בעהערשען, און אָנצי־הען אויפ׳ן פּנים אַ ליבליכע מינע, איז וולאַדעק צוגעגאַנגען צו דער דראָזשקע.

— איך בין עפּיס בצגאַנגען אַ נאַרישקייט? פערגעסען עפּיס מיטנעהמען? — האָט ער קאַלט אַ פרעג געטון — אַ שאָד...

— ניין, דאָס בין איך בעגאַנגען אַ נאַריש־קייט, — האָט דאָס מיידעל אויפגערודערט געענט־פערט — הער לעמאַן... איך... איך...

איהר קול האָט זיך איבערגעריסען, און זי איז אויסגעבראָכען אין אַ פערשטיקט געוויין.

זי האָט זיך אָנגעלעהנט אין דעם אָנגלעהן פון דער דראָזשקע, כדי צו פערבעהאַלטען די טרעהרען.

— קאָן איך עפּיס טון פאַר אייך, פריילין דזשייקאָבס?

— איך ווייס נישט... איך האָב נאַר־וואָס בע־מערקט... איך בין ענטלאָפען אַזוי שנעל, אַז איך האָב זיך נישט בעוויזען איבערצוקלעהרען... און אַט איצט האָב איך מיט זיך קיין גראָשען געלד נישט!..

איבערוואַרטענדיג, האָט ער ליבליך אַ פרעג געטון:

— און דאָס שטערט אייך אָפּצופאָהרען?

— זעלבסטפערשטענדליך. ווי אַזוי קאָן איך אָפּפאָהרען אָהן געלד?.. צוריקקעהרען זיך קאָן איך נישט... וויל איך נישט!.. אַלץ — אָבער נישט דאָס! איהר פערשטעהט דאָך אַליין, אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך בין, אַז איך האָב בעשלאָסען זיך ווידער ווענדען צו אייך... איך האָב שוין אַזוי אויך מיסגעברויכט מיט אייער איידעלקייט!

— ס׳איז נישט וויכטיג! — האָט ער געענט־פערט — וואָרט אָבער... מיר וועלען אַ שמועס טון...

(פאָרזעצונג קומט)

ז. שניאור

היינט, דאנערשטאג, דעם 27. דעצ. 8.30 אין אווענד קומט פאר אין זאל פילהארמאניע

א גרויסער פייערליכער אווענט

לכבוד דעם גרויסן גאסט, דעם בעריהמטען, פאפולערען און באליבטן העברעאיש-יודישן דיכטער

זאל פילהארמאניע
20 נארוטאוויטש 20

פראגראם: ערשטער טייל: 1) רעד. י. אונגער – איינלייטונג און בעגריסונג, 2) דיכטער יצחק קאצענעלסאן – וועגן ז. שניאור, 3) ז. שניאור – „די שטרעמונגען אין דער נײ-העברעאישער און נײ-יודישער ליטעראטור" – רעפעראט וועגן דעם יודישן ליטעראַרישן שאפן פאר די לעצטע צענדליג יאָרן. דער רעפעראט ווערט געגעבען ווערן אין יודיש.

צווייטער טייל: 1) די בעריהמטע ארץ-ישראל קינסטלערין מרים בערנשטיין-כהן וועט רעציטירען איינינע שאפונגען פון דיכטער. 2) ז. שניאור – רעציטאציעס און דעקלאמאציעס פון פאלגענדע ווערק: 1) מ'שלאגט הזרים (הומאריסטישע נאוועלע), 2) בערג-לידער (פון א גרויסער נייער פאעמע), 3) ארבייטער-לידער, 4) שבת'דיגער מוסר (הומאר. נאוועלע), 5) העבר. אויסגעוועהלטע קלאנג-לידער א. א.

בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע פון זאל פילהארמאניע, נארוטאוויטש 20.

אכטונג, ליבהאבער פון יודישן בוך!

דעם גרעסטען אויסוואהל פון יודישע ביכער פון אלע פערלאגען, אינלענדישע און אויסלענדישע, קאנט איהר בעקומען אין די איינציגע יודישע בוכהאנדלונג אין לאדז פון

נ. בערלינסקי, אלט-שטאט נומ' 12

(עקע קאששעלנע).

שטענדיג אויף לאגער אלע אויסגאבען, געבונדען און אומגעבונדען, בילדער, פיעסען, איינאקטערס און נאמען. א ספעציעלער אויסוואהל פון ביכער אויף מתנות פאר קינדער און דערוואקסענע. צו בעקומען אויך יהואש'ס חומש און תנ"ך.

גינסטיגע בעדינגונגען! גרויסער ראבאט!

בעמערקונג: יעדער, וואס קויפט פאר 10 גילדען ביכער, בעקומט אלס פרעמיע צוויי ביכער: ח. ל. פוקס — „דורשטיגע לעמער" און בראדערזאנ'ס „שווארצע פליטערלעך".

קלישעס

די איינציגע יודישע
קלישע-פאבריק

„GALWANO" 101
TEL. 57-68. PIOTRKOWSKA

א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

ביכער

פון אלע פערלאגען מיט א גרויסען ראבאט בעקומט איהר נאר ביים צייטונגס-פערקויפער

י. וועלניאריש, אלט-שטאט 1.

איך גיב אויך ביכער אהיים צו לייענען-ביליג
איך קויף אלטע געניצטע. ביכער און ראמאנען
כ'נעהם אן צו בינדען ביכער צו ביליגע פרייזען

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען

און דענטיסטישער קאבינעט.

גדאנסקא 11, טעלעפאן 37-63

אפען פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

ד"ר האלינסקי נאז, האלז, אויערן קר.	4—5
ד"ר מערשנער קינדער קראנקהייטען	9-11 4½-5
ד"ר שיפמאן אינערליכע קראנקהייטען	11—1
ד"ר לובימאוו הויט און געשלעכטס-קר.	12½—1½
ד"ר שמירגעלד נערווען און גייסטיגע קר.	1—2
ד"ר נאדלבלאט אויגען-קראנקהייטען	12½—½
ד"ר עליאסבערג כירורגישע קראנקה.	1—2
ד"ר בערגמאן פרויען און געבורטס-הילף	4—6

[illegible]

י לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג

ווארנונג!

אזוי ווי עס האבען זיך בעוויזען אין שטאט פערשידענע נאכגעמאכטע פעלד-בעטען, מאך איך בעקאנט דעם געעהרטען פובליקום, אז די

עכט-פאטענטירטע בעטעל עכט-פאטענטירטע

זענען פערזעהן נאר מיט דער שוץ-מארקע

PALMA-PATENT

פאר וועלכע מיר זענען פעראנטווארטליך ביז 3 יאהר.

— צו בעקומען אין אלע געשעפטען. —

אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאגער אין א גרויסען אויסוואהל
ניקעל-בעטען, אמעריקאנקעס,
ניקעל-קינדער-בעטען, קינדער-וועגעלעך,
טיש-בעטען, קינדער-בענקעלעך
מעטער-מאס, אויף רעדלעך.

מאטראצען געבעטע, שאטאווע און קאנאדיסקע. קאזעטקעס און טאפטשאנעס.

בעמ.: בעטלעך מ"ט ווענטלעך ווייס אדער ברוין 17 זל., פאלאווע-בעטלעך 14 זל.
רעעלע בעהאנדלונג. :: פאבריקס-פרייזען. :: זעמטליכע רעפאראטורן.

הערט! לאדז, פאלנאצנא 24, טעל. 31-85. רעטייל!

יעטווערע יודישע פאמיליע מוז אבאנירען אויפ'ן יאהר 1929
דעם איינציגען יודישען זשורנאל
פאר היגיענע און מעדיצין

„פאלקס-געזונד"

(7-טער יאהרגאנג). אויסגאבע „טאז"-„אזע", רעד. ד"ר צמח שאבאד (ווילנע)

פרייז: א יאהר – 6 גילדען; א ½ יאהר – 3 גילדען; א ¼ יאהר – 1.50 גילדען.

אדרעס: „פאלקס-געזונד", ווילנע, פאסט-קעסטעל 69, פ. ק. א. 80.604

טיכטיגע און רעעלע אגענטען ווערען געפאדערט איבעראל!

אין יאהר 1929 וועלען זיך דרוקען א רייהע וויכטיגע ארטיקלען וועגען פלעגע און ערציהונג פון קינדער, וועגען היגיענע פון דער פרוי, וועגען פראגען פון געשלעכטס-לעבען א. א.

וויכטיגע פרעמיעס! עצות אומזיסט! וויכטיגע פרעמיעס!

א געוועלב-איינריכטונג

פאסט ניי, נישט טייער, געאייגנעט אויף גאלאנטעריע, אדער מאנופאקטור, ווייל איך פערקויפען. — אנצוקוקען שוין אויף זשגאזשסקא 52, וו. 6.

א צימער

אויף א פראצאווניע ביי אן אינטעליגענטער פאמיליע, אבצוגעבען אויף חודש-געלד. צו ערפאהרען קען מען ביי רידזעווסקי, אלט-שטאט 5. 3333

ערשינען נומער 3

פוילישער מאנטשעסטער

לאדזער צייטשריפט פאר ווירטשאפטליכע, געזעלשאפטליכע און קולטורעלע פראגען

אונטער דער רעדאקציע פון

א. באַרוכין און י. נירוואַן

מיט ארטיקלען פון: פראָפ. באַרוך איטינגאַן, מאַג. ש. בוגין, ראטמאַן י. מ. ביאלער, ס. בראַדראָן, וו. גיזלער, ב. א. גליקסמאַן, מ. העלמאַן, יוליאן וואלף, ה. וויגאווער, וו. פראָפ יוליוס לעוקוויטש, פרוי ר. פאוסט, ד"ר וו. פאלעק, ד"ר י. פרענקעל, איינזש. כ. בראשקער, אדוו. א. ציטערקאָפּ, אלי' קאַיאַ, גינא שווארץ, מאג. ז. שטרויך, א חוץ דעם כאראקטעריסטיק פון ישראל פאזנאנסקי, ראטמאַן יחיאל יצחק בערמאַן, פרנס מאיר פלאַצקער א. אַ.

דער נומער איז רייך אילוסטרירט.

פרייז 50 גראשען.

צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער.

Dr. med.
W. EYCHNER

גינעקאלאג-אקושער
גדאנסקא 11.
טעל. 84-72
נעמט אן פון 6—8 אווענט.

Dr. ADAM
GROSGLIK

Al. Kościuszki 27
tel. 51-78,

[illegible]

צוריקגעקערט

ליטשריפט-ביורא ב. האכבערג

פאנסקא 1, טעל. 36-77.

פערפערטיגט אלע ארט געריכטליכע- און שטייער-אנגעלעגענהייטען אין אלע אמטען אויך אויף לאדזער וואיעוואדזטווא רעעל און פינקטליך.

בעמערקונג: וועגען פערשידענע שטייער-פראגע נעהם איך פערזענליך אן צווישען 5—6 נאכמיטאג.

כ'קויף אויס פאטענטען אויפ'ן יאהר 1929.

לעכער מאשינאווא

ווערען אנגענומען אויסצוניעהען צו ביליגע פרייזען

ביי ג. נארדמאן

29 צעגעלניאנא 29

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY

Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26

Dojazd tramwajami 16 i 10.

Od poniedziałku, dnia 17-go do poniedziałku, dnia 31 grudnia 1928 r. wł.

Program świąteczny!

Dla młodzieży i dorosłych:

„SZALEŃCY"

Dramat w 10 aktach z cyklu „My pierwsza Brygada"

W rolach głównych: Irena Gawęcka, Marjan Czauski, Jerzy Kobusz, Al. Starża, Bolesław Szczurkiewicz, Marek Oróg.

Następny program: „SERCE"

Zagubiono:

Weksel zł. 60.– pł. 5/3, wyst. Izrael Zylberstein Łódź
„ „ 75.– „ 31/3, „ A. Milewski „
„ „ 75.– „ 15/4, „ „ „
„ „ 50.– „ 30/4, „ „ „
„ „ 100.– „ 31/5, „ „ „
„ „ 125.– „ 31 5, „ „ „
„ „ 75.– „ 15/6, „ „ „

Weksle unieważnione. Znalazca proszę o zwrot Nowo-Cegielnianej 28, **G. Filozof.**

לעטשניצע פון דאקטוירים ספעציאליסטען

און ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט

זגיערסקא 17 טעל. 16-33.

ד"ר ראקאווסקי	נאז האלז, אויערן קר.	10—11 6—8, 4—7
ד"ר רוזשאנער	הויט און געשלעכטס קר.	10—11 1—6
ד"ר גאלדשטיין-פאלאק	אויגען-קראנקהייטען	1—2, 7—8
ד"ר יוכטמאן	נערווען קראנקהייטען	12—2
ד"ר ראזענצווייג	קינדער-קראנקהייטען	10—12 4—5
ד"ר פעפערני	פרויען און געבורטס-הילף	1-11½ 5—6
ד"ר קאנאר	כירורגישע-קראנקהייט.	4-5 1—2
ד"ר איינבערג	אינ. הערץ, לונגען-קר.	11-1 5½—7
ד"ר פאפעל	רענטגען	10—12 4—6
א. גרודזינסקי	צאהן-ארצט	3—7
ג. רייס	צאהן-ארצט	9—2

[illegible]

א רענטגען-אינסטיטוט

[illegible]

די לעטשניצע איז [illegible] אפען זונטאג.
הייזט אין דער שטאט.

ערצטליך-קאסמעטיש. קאבינעט

פרל. מ. מארקוס נעהמט אן פון 7–5 [illegible]

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקה.
בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע.

האט זיך איבערגעצויגען אויף אנדזשעיא 5

[illegible] פון 8 – 10 פריה און פון 5—9 אין אווענד.

[illegible]

LEKARZ DENTYSTA צאהן-ארצט

St. GELBERG

זאכאדניא 15, טעל. 31-08.

[illegible]

[illegible]

אנאנסען-פרייז [illegible]

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.
Czcionkami i drukiem „Najer Folksblat" Piotrkowska 21.